# סביבה

## פערטל־יאָר שריפט פאַר ליטעראַטור און קריטיק

◈


| | |
|---|---|
| כפל־כפלים אויפגאַבעם פון דער קריטיק ביי אידן......ק. מאָלאָדאָווסקי | 2 |
| קריטיקער און די טענות צו אים.................יעקב גלאַטשטיין | 5 |
| אַ הונט (ליד).................................אהרן צייטלין | 9 |
| דער מאָלעווער זיידע (לידער).....................אפרים אויערבאַך | 9 |
| אַ פּאָר ווערטער וועגן זיך..........................יצחק באַשעווים | 12 |
| לידער ............................................גבריאל פּרייל | 21 |
| אַ דערמאָנונג (ליד)...................................א. לעיעלעס | 22 |
| יהודה לייב גאָרדאָנס תנ"כישע און צייט־מאָטיוון...........שמחה לעוו | 23 |
| צוויי לידער..........................................רחל ה. קאָרן | 31 |
| דער קלעזמער שלום־שאַ (דערציילונג)...............קאַדיע מאָלאָדאָווסקי | 32 |
| ליד אָן אַ נאָמען......................................ישראל עמיאָט | 37 |
| אַ שליסל צו מיין ליד.................................אפרים אויערבאַך | 38 |
| די באָבע פּינע (ליד)..................................מ. אָליצקי | 42 |
| אידיש, אידישקייט און דער אשורישער כתב..........משה שטאַרקמאַן | 43 |
| אונטער שיין פון לעגענדע...............................ק. מ. | 46 |
| עמך (דערציילונגען).......................................משה סמיליאַנסקי | 48 |
| אהובי וידידי בריוולעך ........................................ | 55 |


◈


נומער 6

אייר, תשכ"ב — מאַי, 1962

ניו־יאָרק, נ. י.


# אַ סביבה אַרום דער „סביבה"

מען זאָגט אַז די פייגל פליען אַוועק ווינטער אין די וואַרעמע לענדער כדי צו זען אַז ביימער בליען ווינטער אויך. ויש אומרים, פשוט ווייל זיי האָבן ליב צו פליען און אָנקומען וואו עס איז דאָ זון. מענטשן מאַכן אויך אַמאָל אַזאַ עקסקורסיע און דאָס האָט זיך געטראָפן מיט אונז אַליין. אין אַ היפשלעך קאַלטן אָוונט, דעם 17־טן יאַנואַר, זיינען מיר זיך צונויפגעפלויגן אַ צוואַנציק מענטשן וואָס האָבן אינטערעס אין אידישן קינסטלערישן שאַפן אין אַ שטוב וואו עס זיינען דאָ אַ סך בילדער און אַ סך ספרים און וואו ספרים ווערן אויך געשריבן — אין שטוב פון יעקב גלאַטשטיין און אַ שמועס געטאָן וועגן אידיש, אידישן שאַפן און וועגן דער „סביבה", וואָס האָט אין משך פון ערשטן יאָר אַ וויג געטאָן די בלעטער פון אידישן ליד, דערציילונג, קריטיק, ליטעראַרישן וויכוח לשם שמים און לשם דעם אידישן בוך.

עס איז געווען אַ נישט פאָרמעלער צונויפקום, אָן אַ „פּראָגראַם" און אָן פאָרמעלע רעדעס — אַ סביבה אַרום דער „סביבה". די קליינע מסיבה האָט געוויזן אַז עס איז דאָ אין ניו־יאָרק אַ מעגלעכקייט פאַר אַ סביבה אַרום דער „סביבה". עס איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס, אַז עס זאָל זיך גרינדן אַ פאָנד פאַר דער „סביבה" פון צען מאָל צען ח"י מיט אַן עודף. פאַרן פאָרזיצער פון דעם פאָנד איז אויסגעקליבן געוואָרן לעאָן קעניגסבערג. אַ סברא, אַז די קליינע מסיבה מיטן פאָנד וועלן אונטערמויערן די „סביבה".

•

מיר דאַנקען די אַלע וואָס האָבן אַליין געדענקט צו באַנייען זייער אַבאָנאַמענט אויף דער „סביבה" פאַרן יאָר 1962. מיר בעטן די וואָס האָבן דאָס נאָך ניט געטאָן אַז זיי זאָלן אַזוי פריינדלעך זיין און אונז פאַרשפּאָרן די אַרבעט פון שרייבן דערמאָנונגס־בריוו.


„סביבה" — זשורנאַל פאַר ליטעראַטור און קריטיק

רעד.: קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

**SEVIVA — LITERARY QUARTERLY**

Yearly Subscription: $3.00 — 75 cents a copy

*Editor*: K. Molodowsky, 572 Grand Street, New York 2, N. Y.

[PRINTED IN U·S·A] 253

# כפל־כפלים אויפגאַבעס פון דער קריטיק ביי אידן

„כי טוב" איז געווען די ערשטע קריטיק און איז געקומען גלייך מיט דער באַשאַפונג פון הימל און ערד. ווען אַ שרייבער שרייבט און מעקט אויס אַ שורה — איז ער זיין אייגענער קריטיקער. שאַפונג און קריטיק גייען שטענדיק צוזאַמען. קריטיק האָט צו טאָן נישט נאָר מיט קינסטלערישע שאַפונגען. ווען מיר שמועסן מיט אַ מענטשן און ער גיט אַ שמייכל, שאַצט ער אָפּ דערמיט אונזער זאָג, וויציקייט אָדער טעמפּקייט — עס ווענדט זיך וואָס דער שמייכל דריקט אויס. דאָס איז אוממיטלבאַרע קריטיק, אפשר די אויפריכטיקסטע, ווייל זי קומט ווי אַן אויסדרוק פון עכטן געפיל אָן פאַר־מחשבות און נאָך־מחשבות.

ווען דער רבי פלעגט געבן אַ קניפּ אין בעקל זיין גוטן תלמיד, איז דאָס געווען אַן אָפּשאַצונג אָן ווערטער, אַ גוטע קריטיק אָן לשון. אָבער ניט פון יעדער פאַרהערער וואָלט געקומען אַ קניפּ אין בעקל. איינער שאַצט אָפּ אַ גוטן זיכרון — גיט ער אַ קניפּ אין בעקל פאַרן גוטן זיכרון. איינער זוכט חריפות, אַ גוטער זיכרון באַגייסטערט אים ניט. נאָך איינער וויל האָבן עמקות. די שאַרפקייט פון כאַפּן אַן ענין, חריפות, איז פאַר אים — שטרוי. ער האָט דווקא הנאה ווען דאָס אינגל בראָדזשעט, מאַטערט זיך, זאַאיקעוועט זיך, אָבער ער קומט צו עמקות, צום תוך פון ענין.

אַ קריטיקער וואָס זאָל זיין אַזוי פּינקטלעך ווי אַ צינגל פון אַ וואָג־שאָל איז ניט בנמצא, ווייל דער קריטיקער, מיט זיין גרעסטער אויפריכטיקייט, ערלעכקייט און אַפילו צדקות (און וואו נעמט מען אַזויפיל מעלות?) לענדט זיך אָן אויף זיינע בייגונגען און לויט זיי איז זיין אָפּשאַצונג. אָט־דאָ, אַגב, איז די גרענעץ וואו די קריטיק און דאָס קינסטלערישע שאַפן צעשיידן זיך. דאָס קינסטלערישע שאַפן האָט מער ווי צוויי אויגן. פאַרן קינסטלער איז דער חריף פּונקט אַזוי טשעקאַווע ווי דער עמקן, און ניט וויניקער ווי די צוויי אינטערעסירט אים דער שאינו יודע לשאול. דערפאַר איז דער אָביעקטיווסטער קריטיקער דער וואָס איז אַליין אַ קינסטלער (אויב עס פאַלט ניט אַריין ביי אים אַ פליג אין טינטער).

אַ פאַרטיפטער קריטיקער ביי אידן איז געווען ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער. זיין אַהבת ישראל איז געווען ניט נאָר אַ פאַרלאַנג זיך אָנצונעמען פאַר אידן און זיי באַליבט צו מאַכן ביים רבונו של עולם, נאָר אַ פּועל יוצא פון זיין אויפפאַסן אידישקייט. די באַרימטע מעשה וועגן דעם אידן וואָס שמירט די רעדער ווען ער דאַוונט, וואָס אונז קוקט אויס ווי ער זאָל מחלל זיין דעם דאַוונען, האָט ר׳ לוי יצחק באַטראַכט אַנדערש. ער האָט געזען די באַדערפעניש פון דעם אידן צו דאַוונען. און די מידה האָט ער געשטעלט אין דעם מיטלפּונקט. צי דער איד דאַוונט ביים שמירן די רעדער, אָדער ביים סטענדער — דאָס האָט ער באַטראַכט פאַר אַ זייטיקן ענין. דאָס איז נישט נאָר אַהבת ישראל; דאָס איז, בעיקר, דערזען אָדער דערפילן דעם הויפּט־מקור פון תפילה און אַוועקמאַכן מיט דער האַנט די פּרפּראות, די זייטיקע פאָרמעלע זאַכן. דעם שם זיינעם פאַרן גרויסן אוהב ישראל האָט ר׳ לוי יצחק געקראָגן, ווייל אָט־דער מין קריטיק פון קומען צום הויפּט־מקור איז אַ זייער זעלטענע דערשיינונג. דער מענטש בכלל, און ממילא אויך דער קריטיקער, איז צוגעוואוינט צו איינגעשטעלטע נוסחאות, צו באַשטימטע פאָרמען פון תפילה, אָדער שרייבן, דאַרף מען האָבן דעם כוח פון אַ ר׳ לוי יצחק כדי צו דערזען דעם תוך דורך די אויסערלעכע, צופעליקע פאָרמען. ר׳ לוי יצחק האָט געהאַט גרינדלעכע באַגריפן וועגן אידישקייט, אַז עס איז קודם כל ברוח און נישט אין דער אויסערלעכקייט.



ש. ניגער האָט געזען דעם קריטיקער ווי אַ לייענער וואָס טיילט זיך מיט זיינע איינדרוקן מיט אַנדערע. ער האָט פון דער קריטיק אַראָפּגענומען דין קרוין פון שופט אַחרון. דערמיט האָט ער אויך קלאָר געמאַכט, אַז דער קריטיקער איז ניט קיין מורה דרך אין קינסטלערישן שאַפן. קריטיק, ווי מיר דאַכט זיך, איז קענען דערפילן דעם עיקר, די אַטמאָספער פון אַ ווערק. דאָס איז די איידלסטע שטאָף פאַרן קינסטלער צו שאַפן, און די שווערסטע פאַרן קריטיקער צו דערפילן. עס קען זיין אַז אויף דעם דאַרף מען זיין מער ווי אַ געוויינלעכער לייענער און ניגער איז אין דעם הינזיכט געווען צו באַשיידן.

די גרויסע אידישע פערזענלעכקייטן ווערן דורכן פאָלק געשילדערט ווי מתבודדים. ס׳איז אַ לאַנגער צעטל פון אַנטלויפער פון סענסאַציע. אַלץ וואָס איז דער היפוך פון אויסערלעכקייט איז אונזער ירושה. אָט מיט דער ירושה אונזערער זיינען מיר געקומען צו אַ צייט וואָס אויסערלעכקייט און סענסאַציע זיינען איר טאָג־טעגלעכקייט. ס׳איז אויפגעקומען די פּרעסע וואָס איר נשמה איז סענסאַציע. ס׳איז אויפגעקומען די טעלעוויזיע וואָס איר געבאָט איז — „רעיטינג" אַבי מען קוקט. מיר שטייען צווישן שטראָמען וואָס זיינען דער היפוך פון אונזער נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, — דאָס זוכן די „שלשה דברים" וואָס אויף זיי שטייט די וועלט.

די קריטיק, וואָס איר עובדה איז אָפּצושאַצן אַ ווערק, זיין מהות און זיינע מקורות — זיין אַטמאָספער — די קריטיק איז איצט אין אַ שווערער און שוואַכערער פּאָזיציע, ווי זי איז געווען מיט הונדערט יאָר צוריק, אָדער אַפילו מיט פופציק יאָר צוריק. זי האָט געקראָגן שותפים וואָס האָבן אַנדערע צילן. די שותפים זיינען די פאַרשיידענע אויפגעקומענע אין אונזער צייט פאָרמען פון „פּובליסיטי". די צוועקן פון „פּובליסיטי" זיינען פּונקט דער היפוך ווי די איינשטעלונגען פון קריטיק. די פּובליסיטי האָט נישט קיין שום געבאָטן אויסער איינעם — נוצלעכקייט. איר צייט־אויסמעסטונג איז — היינט. זי האָט ניט קיין עבר און קיין טראַדיציע. דאָס קינסטלערישע שאַפן און זיין באַגלייטער, די קריטיק, — זייער מהות זיינען טראַדיציע, גאָט־זוכעניש, וויזיע פון עתיד לבוא, יצר טוב און יצר הרע, געראַנגל פון מענטש פאַר שלימות (לכל הפחות די שטרעבונג דערצו) — אָט־די אַלע טרוים־פייגל, אָט־דער גאַנצער מין שטייען איצט פּנים אל פּנים מיט „פּובליסיטי". די קריטיק איז איצט בבחינת אַ פידל וואָס שפּילט צווישן אַ לעגיאָן מיט פּויקן. פּובליסיטי האָט ניט צו טאָן מיט תוך־זאַכן. זי האָט צו טאָן מיט אויסשרייען די מאָדע. פאַר איר איז דער „בעסט־סעלער" אָן עיקר, גוט אָדער שלעכט, אַבי מען קויפט. דאָס איז דער דרך פון פּירסומת, פון פּויקן־קלאַפּעריי. ווען אַ קריטיקער כאַפּט זיך אַרויף אויף די רעלסן פון סופּערלאַטיוון ווערט עס פּירסומת און ס׳האָט ניט צו טאָן מיט קריטיק.

די אידישע ליטעראַטור האָט אַנדערע באַוועגער, ווי די ליטעראַטורן פון אַנדערע פעלקער. אונזער ליטעראַטור האָט נאָך אַן אויסמעסטונג, אַ ספּעציפיש אידישע אויסמעסטונג, — צייט. טשערניכאָווסקי, צום ביישפּיל, האָט באַלאַדן פון אידישן מיטלאַלטער, און ביאַליק האָט די לידער זיינע

געשריבן פון זיין צייט, פונדעסטוועגן פילט מען ביי ביאַליקן אַן עלטערע צייט־ירושה ווי מען פילט ביי טשערניכאָווסקין. משה קולבאַק האָט אָנגעשריבן די פּאָעמע „רייסן“. ער האָט געשריבן וועגן זיין באָבע מיט אירע אייניקלעך, וועגן זיינע פעטערס. אויבן אויף קען דאָס אויסזען רעגיאָנעל. עס איז ווילנע פון זיין צייט און פון זיין באָבעס צייט. אָבער די צייט־ירושה פון זיין קינסטלערישן אומפאַנג איז אַ סך אַ ווייטערע. ער איז „משיג גבול“ גליקל פון העמעלן, וואָס זי האָט געלעבט מיט אַ פּאָר הונדערט יאָר פאַר אים, און נישט אין רייסן האָט זי געלעבט, נאָר גאָר אין דייטשלאַנד, אָבער זיי האָבן ביידע אַן אַטמאָספער פון אידישער משפּחהדיקייט און יחוסדיקייט. זיי האָבן ביידע דעם זעלבן פונדאַמענט, וואָס איז אַגב עלטער פון זיי ביידן. דורותדיקע טראַדיציע שטייט הינטער זיי. „קאָנטעמפּאָרערי“ (אַ מיטצייטלער) האָט ביי אונז אַן אַנדער טייטש. ביי אונז „קאָנטעמפּאָרערי“ הייסט אַ מיטצייטלער פון אַלע צייטן. עס איז אָן אַ שיעור אַ ווייטערער באַגריף ווי „קאָנטעמפּאָרערי“ ביי די אומות העולם.

די אידישע צייט־מאָס האָט צו טאָן מיטן שטענדיקן אידישן באַגלייטגעפיל וואָס איז ענלעך צום אידישן לוח: ער ציילט אַריין יעדן טאָג די פינף טויזנט יאָר זינט דעם וועלט־באַשאַף, חוץ די לויפנדיקע יאָרן. ווען אַ אינגל ווערט בר מצווה ווערט ער גלייך דער טרעגער פון די לאַסטן פון אַ פּאָר טויזנט יאָר. ס'איז אַ באַזונדערער צייט־באַוועגער ביי אונז וואָס אַנטפּלעקט זיך אין אידישן שאַפן.

אַ אידישער קריטיקער מוז האָבן אויף זיינע פינגער די אידישע צייט־מאָס. דער אידישער קריטיקער מוז שטענדיק פילן צי ער ווערט ניט פאַרשלעפּט אין אַ פרעמדער אַטמאָספער און צי זיין אָפּשאַצונג איז נישט באַפאַרבט מיט פרעמדע השפּעות. פּשוטער געזאָגט, דער אידישער קריטיקער מוז האָבן זיינע אייגענע מאָסן, וואָס זיינען אָנווענדבאַר צו דער אידישער ליטעראַטור און נאָר צו איר. עס איז שווער צו זיין אַ איד, נאָך שווערער איז צו זיין אַ אידישער שרייבער, און דאָס סאַמע שווערסטע איז צו זיין אַ אידישער קריטיקער.

עס איז שווער צו גלויבן, אַז אַ איד זאָל קענען זיין אַ גוטער קריטיקער פון אַ נישט־אידישער ליטעראַטור, כאָטש עס איז געווען געאָרג בראַנדעס. און עס איז מוטל בספק (און אפשר בספק־ספקא) צי אַ נישט־אידישער קריטיקער זאָל קענען זיין אַן אָפּשאַצער פון אידישע ווערק, ווייל ער לייגט צו גויאישע קרענצלעך צו אַ אידישן פּרוכת. ס'איז אפשר ניט קיין חסרון פאַר פירסומת ותו לא. אונזער מאָס איז געשיכטלעכקייט, נישט דער יאָרהונדערט פון דעם סיפור המעשה, נאָר די געשיכטלעכקייט אין דעם געוועב פון ווערק. ווען אַ אידישער דיכטער ברענגט אַ נייעם פאַרגלייך, מוז ער האָבן צוועלף שפּיגלען פון די צוועלף שבטים און נאָך צען שפּיגלען פאַר די צען פאַרלאָרענע שבטים, כדי עס זאָל ווערן אַ גוטער אידישער נייער פאַרגלייך. די אידישע קריטיק מוז זיך שפּיגלען אין די אַלע שפּיגלען. זי האָט ממילא כפל־כפלים אויפגאַבעס.

ק. מאַלאַראָווסקי



יעקב גלאַטשטיין

# קריטיקער און די טענות צו אים

ס'איז אַן איינשטעלעניש אַקעגנרעדן אַ רעדאַקטאָר, זאָל־זשע קלאָר ווערן אַז כ'נעם זיך חלילה נישט אונטער זיך צו שפּאַרן מיט קאַדיע מאָלאָדאָווסקיס מיינונגען וועגן שאַפונגען און קריטיק. מיר דאַכט זיך בלויז אַז איך בין לכל הפּחות די שער, וואָס מעג זיך אָפּרופן, ווען מען רופט־אויף די קריטיק. כ'פאַרטרעט דערמיט מיינע פיר ביכער וועגן שרייבערס, וואָס האָבן אַ שטיקל שייכות מיט קריטיק. כ'האָב אַמאָל אין אַ בריוו צו ש. ניגערן זיך אָפּגעוואָרפן פון דער ראָלע פון אַ קריטיקער אָבער ער האָט דווקא געוואָלט האָבן אַז איך בין יאָ אַ קריטיקער. כ'ווייס נישט אין וואָס ס'איז אים געגאַנגען מיך אַריינצושלעפּן אין דער בראַנזשע, אָבער וואָס אָפטער איך האָב געשריבן וועגן ביכער און וואָס מער מען האָט פון צייט צו צייט אויפגעהויבן אַ געשריי, אַז ס'זיינען מער נישטאָ קיין קריטיקערס ביי אידן, אַלץ מער איז אין מיר געוואָקסן דער להכעיס דווקא צו גילטן פאַר אַ קריטיקער. מחמת אַ פּשוטן שכל, אַז אויב כ'בין נישט קיין קריטיקער איז למה זה אנוכי, וואָס טו איך פאַקטיש אילע־וואָך מיט די ביכער וואָס איך באַשרייב?

נאָך דער דאָזיקער התנצלות וועל איך זיך דערלויבן צו מאַכן עטלעכע באַמערקונגען וועגן די אויפגאָבן וואָס קאַדיע שאַרט צו דער קריטיק ביי אידן. ערשטנס בין איך נישט אינגאַנצן מסכים מיט קאַדיעס חומש־משל פון כי טוב, אַז ס'איז געווען קריטיק, אָדער אַפילו זעלבסט־קריטיק. געווען איז עס נישט מער און נישט ווייניקער ווי זעלבסט־לויב, אָדער עלעגאַנטער און טאַקטישער זיך־לויב, אַ מין וועג־ווייזער פון באַשאַפער פאַר אַלע שאַפערס. דעם ערשטן באַשאַפער איז אַליין געפעלן זיין ווערק. אָבער ער איז נישט אַריין אין התפּעלות, ער איז זיך נישט צעגאַנגען אין לויב־געזאַנגען וועגן זיך אַליין. ער האָט באַשיידן אַ זאָג געטאָן, אַז ס'איז גוט און איז גלייך אַריבער צו ציילן די טעג פון באַשאַף, איינשטעלן אַ קאַלענדאַר און בכלל זען, צי ער האַלט אויס די שאַפונג־קוואָטע פון דיסציפּלין. דער רבונו של עולם האָט געהערט צום סאָרט שאַפער, וואָס אַרבעט דיסציפּלינירטע טאָג־אַרבעט. אַנדערע אַרבעטן לויטן דער שטימונג, אָדער ווען ס'באַפאַלט זיי דער רוח הקודש. דער באַשעפער פון אַלץ איז סייווי געווען זיכער, אַז וואָס־וואָס, אָבער קיין רוח הקודש פעלט אים נישט. מחמת דער דאָזיקער זעלבסטזיכערקייט — זאָל מיר דערלויבט זיין אַביסל קריטיק — איז שוין גראָד דער מענטש באַשאַפן געוואָרן נישט מיט פולן רוח הקודש, נאָר אַ קאַפּיטשקע בחפזונדיק און מיט שעפערישער מידקייט.

איך בין מסכים אַז דער בעסטער קריטיקער איז אַליין אַ קינסטלער, אָבער איך האַלט נישט אַז דער ציל פון קריטיק איז צו זיין אָביעקטיוו. פאַרקערט, וואָס שעפערישער דער מענטש איז וואָס שרייבט קריטיק — און אַ קריטיקער קאָן זיך מיט קריטיק דערשרייבן צו שעפערישקייט — אַלץ מער מעג מען אים געטרויען אַ סוביעקטיווע מיינונג. די אַמביציע פון אַ גוטן שרייבער איז גראָד צוצוטרעפן אַן ערנסטן סוביעקטיוון קריטיקער. אויב דער קריטיקער איז פאַרעוועע־אָביעקטיוו און ער קאָן אַלץ שלינגען און פאַר אַלץ געפינען אָביעקטיווע מאָסן, איז עס גאָרנישט אַזאַ מעלה פאַר אַ ווערק,

אַריינצופאַלן אין אַזאַ סוביעקטיוון מאָגן, וואָס קאָן אַלץ אויפעסן און פאַר־
דייען. אַ סוביעקטיווער קריטיקער וואָס מען מעג אים געטרויען ווייל ער
האָט געשמאַק, איז אַ ברכה פאַר אַ ווערק, ווייל ער נעמט עס אַריין אין דער
באַגרענעצונג פון זיין גוטן געשמאַק און נישט אין דער אומענדלעכער נייט־
ראַליטעט פון זיין קריטישער פילאַנטראָפּיע.

מיט מיין גאַנצן רעספּעקט צו די פיינע משלים וואָס קאַדיע מאָלאָדאָווסקי
ברענגט אין איר עסיי, מוז מען פונדעסטוועגן זיך האַלטן ביי דער טעמע.
ר׳ לוי יצחק דער מלמד זכותניק איז נישט געווען קיין קריטיקער, נאָר אַ
טייערער אַדוואָקאַט. דאָס אידישע פאָלק איז תמיד געשטאַנען צום משפט און
אויב מיר ווילן דווקא מאַכן פון אידיש פאָלק אַ ווערק — האָט עס דער אַד־
וואָקאַט פאַרטיידיקט. ווען מען איז גוזר אויף אַ ווערק אַז ס׳זאָל אַרויסגע־
נומען ווערן פון צירקולאַציע, איז דער וואָס פאַרטיידיקט דאָס ווערק נישט
קיין קריטיקער, נאָר אַן אַדוואָקאַט. אין פאַל פון ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער
איז זיין אַדוואָקאַטור געווען נאָך ספּעציפישער דערמיט, וואָס ער האָט פאַר־
טיידיקט אַ ווערק פאַרן באַשאַפער פון ווערק. ווען דער רבונו של עולם איז
געוואָרן גלייכגילטיק צו זיין אייגן ווערק — דאָס אידישע פאָלק — איז
געקומען ר׳ לוי יצחק און עס אים פאַרלויבט, אַז דאָס ווערק איז גאָר לעילא
ולעילא. דערפאַר האַלט איך נישט אַז ר׳ לוי יצחק איז געווען אַ פאַרטיפטער
קריטיקער, אָדער בכלל אַ קריטיקער.

ס׳איז מיר אויך קלאָר אַז קאַדיע מאָלאָדאָווסקי האָט נישט פאַרזיכטיק
געלייענט איינס פון די בעסטע ביכער פון ש. ניגער, וואָס איז דערשינען נאָך
זיין טויט. דאָס בוך אַנטהאַלט זיין אַני מאַמין איבער קריטיק. אין יענעם
ווערק דערזעט מען זייער קלאָר, אַז ניגער איז שוין גאָרניט אַזוי באַשיידן
און ער וויל דווקא זיין דער מורה דרך פאַר קינסטלערישן שאַפן; און ער
האָט געהאַט רעכט דערצו, ווייל אים איז תמיד געגאַנגען — און לייענענדיק
דאָס בוך זעט מען עס בולט — צו דערהויבן קריטיק צו קינסטלעריש
שאַפן.

כ׳גלויב קוים צי מען דאַרף זיך באַקלאָגן אויף דעם פאַרמיש פון „פּוב־
ליסיטי" מיט קריטיק. אַפילו ביי די אומות העולם איז זייער גרינג צו אונ־
טערשיידן צווישן פריינטלעכער אָדער באַצאָלטער פּובליציטעט און ערנסטער
קריטיק. כ׳זאָג אַפילו — דערפאַר, ווייל פּובליציטעט און „בעסט סעלער"
איז ביי זיי אַן ענין וואָס לוינט זיך און דער גאַנצער האַרמידער פון פּוב־
ליסיטי געדייעט ביי די אומות העולם טאַקע דערפאַר, ווייל ס׳איז אַ גרויסע
אינדוסטריע און עס ברענגט גוטע רעזולטאַטן. דערפאַר איז פּובליסיטי אין
גרויסע נישט־אידישע ליטעראַטורן געוואָרן אַ פּראָפעסיע, וואָס נעמט אָן
אויסערלעך אַלע כלומרשטע פאָרמען פון קריטיק, ווייל איר צוועק איז צו
שאַפן באַרימטהייט און געלט. זי פּוצט זיך אין פעדערן פון קריטיק, ווייל
ס׳גייט דער פּובליסיטי אין אויסזען לייטיש כדי צו מאַכן דעם גוטן איינ־
דרוק, אַז אויסן איז זי אָביעקטיווע קריטיק — און דאָ זעען מיר ערשט אַז
אָביעקטיוו קאָן זיין גאַנץ טריף. דער פּובליסיטי־קריטיקער וויל דווקא מאַכן
דעם אָנשטעל פון אַן אָביעקטיוון שופט.

ביי אונז אידן ברענגט פּובליסיטי לחלוטין גאָרניט. די באַרימטהייט
ווערט נישט געמאָסטן אין געלט־ווערט; די באַרימטהייט גופא איז אַ שוואַך
אַרטיקל וואָס איז נישט עובר לסוחר. פאַראַן ביי אונז באַרימטהייטן, וואו



אַ סך קלענערע באַרימטהייטן וואָלטן גאָרניט געוואָלט שטיין. ביי זיי, ביי
די גרויסע ליטעראַטורן, איז פאַראַן אַ מאָס פאַר וועלט־באַרימטהייט, וואָס
גילט־אָפּ דעם שרייבער, און ווען דער שרייבער דערגרייכט די אויבערשטע
באַנק, וואו מען האָט אים דערבעזעמט צו וועלט־באַרימטהייט, ציילט זיך עס
אין הכנסה.

דערפאַר האָט זיך פּשוט נישט געלוינט צו אַנטוויקלען אַ גוטן פּובליסיטי־
סטיל ביי אונז אידן פאַר ווערק און שרייבערס. די עקאָנאָמיק פאָדערט עס
נישט. דאָס ביסל פּובליסיטי וואָס עקזיסטירט יאָ ביי אונז איז אַזאַ שלימזל־
דיקע אַז עס וואַרפט זיך גלייך אין די אויגן. ביי אונז, זעט איר, איז גיכער
שכיח די ריינע פריינטשאַפט־קריטיק. איז אויך די אייגענע מעשה, אויב דער
פריינט טוט נישט קיין עוולה דעם פריינט־שרייבער ווען ער שאַצט אָפּ
און זיך אַליין אויך נישט, ברענגט די פריינטשאַפט־קריטיק כאָטש — אַ
גוטע עסיי. פאַראַן פריינטשאַפט־קריטיקן וואָס שטאַמען פון אַ געפיל, אַז
ס׳איז דאָ ביי אונז אַ קליינע משפחה פון גוטע שרייבערס, וואָס מען דאַרף
צו זיי האָבן אַ וואַרעמע באַציאונג, אָבער מען טאָר נישט פאַרגעסן אויך
אין זיך. קומט פון אַזאַ שותפות פאָרט אַרויס אַ קינסטלערישער שידוך. די
צרה מיט אונזער פריינטשאַפט־קריטיק, וואָס ס׳האָבן זיך אין איר אַריינגע־
כאַפּט „פליינצעס", תקיפים, וואָס גיבן „פּראָטעקציע" מיט זייער לויבן גע־
וויסע פריינט. דאָס זיינען גלאַט נידעריקע באַשעפענישן און מען דערשפּירט
דעם כוח־גייער אין דעם לויב־געזאַנג. דאָס איז ערגער פון פּובליסיטי,
ס׳דערנידעריקט דעם שרייבער פון ווערק וואָס יאָגט זיך נאָך אַזאַ לויב
און פאַרמיאוסט צום הונדערטסטן מאָל דעם תקיף־לויבער וואָס שאַפט אַליין
גאָרניט אַחוץ עטלעכע אָנגעשמירטע שורות.

מיר געפעלט די מאָס פון אידישער צייט וואָס קאַדיע מאָלאָדאָווסקי פאַר־
שרייבט דעם אידישן קריטיקער, כאָטש מ׳קאָן מיט דעם אויך נישט איינ־
גאַנצן מסכים זיין, ווען מען גיט אַ טראַכט פון שעקספּירן, האָמערן, דאָס־
טאָיעווסקין, טשעכאָוון, וואָס האָבן אַלע געשריבן פון זייער צייט, אָדער פון
אַקאָרשטיקער צייט און דאָך איז זיי געלונגען צו ווערן צייטלעך. קינסטלערי־
שע צייט־זאַכן אין אַלע נישט־אידישע ליטעראַטורן ווערן אויך געמאָסטן
מיט איבערצייט. אָבער דער זאָג אַז ביי אידן מיינט אַ צייט־שרייבער, אַ מיט־
צייטלער פון אַלע צייטן איז אַ נוצלעכער. כ׳וועל זיך פונדעסטוועגן נישט
איינגאַנצן אָנשליסן אין קאַדיעס מיינונג, אַז דער אידישער קריטיקער טאָר
זיך נישט לאָזן פאַרשלעפּן פון פרעמדע השפעות. ס׳זיינען פאַראַן אַבסאָלוטע
מאָסן וואָס זיינען גילטיק פאַר אַלע ליטעראַטורן, בעסער געזאָגט, ס׳איז
פאַראַן איין גרויסע מאָס — גוטער געשמאַק. אויף אָט דער מאָס טאָרן אידישע
ווערק אויך נישט עובר זיין. וואָס איז אַזוינס גוטער געשמאַק, איז אַ סך
שווערער צו דעפינירן. ס׳איז אַזאַ אַרטיקל וואָס געוויסע קריטיקער איבער־
צייגן אַז זיי האָבן עס, און אַנדערע קאָנען בשום אופן ניט איבערצייגן, ווי
לאַנג זיי זאָלן נישט אַרבעטן ביי קריטיק. הגם גוטער געשמאַק קאָן אויך
קולטיווירט ווערן און מ׳קאָן עס זיך דערווערבן מיט דער צייט. ווען אַ גוטער
קריטיקער פאַרמאָגט געשמאַק, האָט ער מיט וואָס צו גיין אין מלחמה; און
קריטיק איז אין אַ געוויסן זין אַ מלחמה קעגן אַ ווערק — אָדער דער קרי־
טיקער באַזיגט דעם ווערק, אָדער דאָס ווערק באַזיגט דעם קריטיקער.

ווען קאַדיע מאָלאָדאָווסקי רעדט וועגן די כפל־כפלים אויפגאַבן פאַר

דעם אידישן קריטיקער, לאָזט זי אַרויס פון חשבון דאָס סאַמע עיקרדיקסטע פאַרן אידישן קריטיקער — אַ וויכטיק ווערק. אַ וויכטיק ווערק איז דער בעסטער סטימול פאַר אַ גוטן קריטיקער און פאַר אַ אידישן אוודאי און אוודאי. ביי אונז וואָלט מען זיך בכלל באַדאַרפט פאַרנעמען ווייניקער מיט קריטיק, ווי מיט ליטעראַטור גופא, מיט דעם וועג פון אידישן שרייבער. דער געשריי דאַרף זיין — גיט דעם ערנסטן קריטיקער — סחורה, גיט אים שטאָף פאַר זיין וואַרשטאַט; זאָל ער האָבן וואָס צו טאָן, זאָל מען זיך דינגען — אַ רענדל אַראָפּ, אַ רענדל אַרויף, אַבי ס׳זאָל זיין איבער וואָס זיך צו דינגען. מען דאַרף ביי אונז שטעלן פאָדערונגען דעם שרייבער און נישט דעם קריטיקער. די עטלעכע געציילטע וואָס נעמען ערנסט קריטיק, וואַרטן מיט אומגעדולד אויף אַ וויכטיק ווערק. ס׳שרייבט זיך אַנדערש, ס׳רעדט זיך אַנדערש, ווען ס׳איז פאַראַן אַ גוט בוך. דער גוטער קריטיקער האָט ליב אַ וויכטיק בוך, ער ווייס אַז דאָס בוך וואָס איז דעם קריטיקערס טעמע, איז שעפעריש בלויז דעמאָלט ווען עס וועט אים, דעם קריטיקער, אינספירירן. אַרום אַ שלעכט בוך מוז דער ערנסטער קריטיקער מער האָרעווען, ער דאַרף אַ סך שעפּן פון זיך, ווייל דאָס ווערק אַליין גיט אים זייער ווייניק.

די הויכע פאָדערונג פון אידישער צייט מוז דערפאַר גיכער אַדרעסירט ווערן צום שרייבער, ווי צום קריטיקער. אויב דער שרייבער וועט שרייבן מיט די קאַטעגאָריעס פון אידישער צייט־אייביקייט, וועט עס סייווי צווינגען דעם קריטיקער צו גיין אויפן זעלביקן דרך. קאַדיע מאָלאָדאָווסקי גיט צוויי גוטע ביישפילן: ביאַליק און קולבאַק, אָבער קיין איין קריטיקער האָט אין זיי נישט פאַרזען דעם עלעמענט פון אידישער אַלטצייטיקייט. נישט דער קריטיקער איז דער מורה דרך פאַרן שרייבער, נאָר אַ שרייבער איז דער מורה דרך פאַרן קריטיקער. קאַדיע קאָן פאַרשרייבן די בעסטע רעצעפּטן דעם אידישן קריטיקער, אָבער אויב זי וועט אים נישט צושטעלן קיין ווערק, וועט עס דעם קריטיקער סייווי נישט זיין צו רפואה.

אַן אמתער שרייבער באַנוגנט זיך נישט גלאַט מיט גוטער קריטיק. אויב זיין דרך איז זיך תמיד איינצושאַפן אַ גוטע קריטיק איז עפּעס ביי אים נישט אין אָרדענונג, ער וויל זיך אַליין פאַרליגנערן און פאַררעדן אייגענע פוסטקייט. אַן אמתער שרייבער וויל אַז זיין קריטיקער זאָל זיין ראוי צו ווערן זיין חבר, ער וויל אין אים דערקענען אַ מיטשמועסער און אַפילו אַ מיטשאַפער. דער גוטער שרייבער שאַפט דערפאַר דעם גוטן קריטיקער. אַ גוטער אידישער שרייבער וואָס פאַרמאָגט אין זיך דעם רוח פון אָפּשפּיגלען די אידישע אַלצייטיקייט, איז ממילא דערמיט אַליין זיין אייביקער שאַרפסטער קריטיקער, און ווען עס קומט אים אַנטקעגן דער פאַרשטענדיקער אויפנעמער און אָפּשאַצער, וועט דער קריטיקער זיין פון זעלביקן טייג געקנאָטן, ער וועט נישט קאָנען אָפּטרעטן אויף אַ האָר פון דער שטרענגער מאָס, וואָס דער שרייבער האָט אים צוגעשטעלט.



אהרן צייטלין

# אַ הונט

דער גרויסער כלב האָט מיך אָנגעקוקט אַ רגע,
דערמאָנט זיך, אַז אַמאָל, אין די אין־סופן,
איז עפּעס צווישן אונז פאַרלאָפן,
און ער האָט נקמהדיק אַרויפגעטאַנצט אויף מיר,
מיך צו באַשטראָפן.

נאָר ער האָט, אַפנים, נישט געקראָגן קיין רשות.
אַ כוח, וואָס איך קען נישט, האָט אים אָנגעכאַפּט ביים פּוס:
לאָז אים אָפּ! איך היים נישט!

האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם עק און איז אַוועק.
ווי אַ פאַרלוירן קינד
האָב איך אים נאָכגעקוקט: אַפילו הינט
ווייסן וועגן מיר
ווייטע זאַכן, וואָס איך ווייס נישט.

*

אפרים אויערבאַך

# דער מאָלעווער זיידע

א.

ביים מאָלעווער זיידן זענען די אויגן קלאָרע,
ווי טראָפּנס טוי, אַז די זון טוט אַ שפּראָץ.
אין לערנען, זאָגט ער, טאָר נישט זיין קיין סברא,
דאָס וואָרט די חז״לס איז דאָס וואָרט גאָטס,
און גאָט האָט פשוט געזאָגט „יהי אור״,
איז זעסטו דאָך, פרויקע, ווי ליכט איז קלאָר.

דער מאָלעווער זיידע לערנט מיט מיר גמרא
און גיט יעדער סוגיא על־פּי שכל צו פאַרשטיין.
די פלוגתות ווערן מענטשלעכע, וואָרע,
נאָר איך וויל אַריינגעבן אַן אַנדערן מיין,
אַ פלי־טאָן מיט ניגון, מיט וואָרט, מיט געדאַנק,
אַ טרונק־טאָן פון קוואַל אַן אייגן געטראַנק.

זאָגט שטיל צו מיר דער זיידע: צו הויך פליסטו,
דער פשוט׳ער מיין איז אַליין שוין אַ פלי,
אויף יענער זייט פשטות זענען פעלדער וויסטע,
אַמאָל גיט אַ דאָרן אַ שטאָך און אַ ברי.
וידבר איז תמיד נישט מער ווי „גערעדט״,
און מער קען, חלילה, נאָך ברענגען צו חטא.

נאָר ער, דער פאַר׳חלום׳טער זיידע, דער גרויער,
איז איבער קבלה געזעסן די נעכט,
געהאַלטן פאַר ליכטיקע אויגן דעם זוהר
און הייליקן סוד מיט קיין וואָרט נישט פאַרשוועכט.
געפינקלט אויף אים האָט דאָס קריינדעלע ליכט
און שאָטן אויף אים געוועזן איז געדיכט.

ב.

דו זעסט די גאַס, ווי זי איז פאַרשנייט דאָ?
דער מענטש איז אין שניי אינגאַנצן אַ בודד, —
האָט איינמאָל געזאָגט דער מאָלעווער זיידע
און אויף דער באַנק האָט ער זיך צעהוידעט.

דער מענטש איז אַליין, אַז דאָס האַרץ איז אים ליידיק,
אַז שטום איז אין אים דעם אויבערשטנס שירה.
ביינאַכט, ביי חצות, אַז איך וויין, איז מיר פריידיק,
מיט מיר זיצן תמיד עטלעכע אירע.

ווער זענען זיי? גלייב מיר, אַך ווייס עס אַליין ניט,
זיי זענען אין מיר, זיי זענען אַרום מיר.
די שטוב איז פול מיט רייד וואָס איך פאַרשטיי ניט,
עס רעדט אַפילו מיין שאָטן, דער שטומער.

געוויין וואָס איז? צו געזאַנג דער פרוזדור,
דאָס פולע געוויין איז אַ פולע זכיה.
דערנאָך מיט אמונה דאָס האַרץ פאַרגרויז דיר,
ביז פרייד קומט צו דיר אין שעה׳ען פריע.

און פרייד האָט מדרגות, — הויך און נאָך העכער,
וואָס ריינער דאָס האַרץ, אַלץ העכער די פרייד איז,
ווערסט פול, ווי מיט טייערן ווין אַ בעכער,
ביסט נישט אַליין, נאָר מיט גאַנצע עדה׳ס.

דאָס שטיבל אין שניי איז איינגעשראָקן,
דער דרויסן מיט עלנט לאָקערט אויף שויבן,
נאָר ליכטיק רעדט דער זיידע, דער זקן,
פון מויל, דאַכט זיך, פליען אים ווייסע טויבן.

ג.

דעם זיידנס פנים איז ווייס און בלאָלעך,
ווי אויף אַן אַלטער בערעזע די קאָרע.
דער תוך וואָס איז און וואָס איז די שאָלעכץ
וויל ער דערגיין ביים לערנען גמרא.

ס׳איז פשוט, דאַכט זיך, דאָס וואָרט וילך,
נאָר מיר איז אַ ספק דער מיין פון געגאַנגען, —



אַ מענטש קען גיין דערהויבן און פריילעך,
די טריט זאָלן זיין אים פול מיט געזאַנגען.

נאָר ווידער, אַ מענטש קען גיין דערשלאָגן —
אַ פויגל, נעבעך פון פליען אַ מידער.
דער ספק טרעפט מיך, אַז ס׳הייבט־אָן צו טאָגן
און שאָטנס מיט ליכט — צעקריגט ווי ברידער.

דעם זיידנס ספק, ווי אַן אַלטער בוים איז,
וואָס פול איז מיט שאָטן אַרום אים דער שטח.
פון אים רעדט־אַרויס די חכמה שלמהס,
די רייד זיינע — שאָרך פון פאַרטונקלטע בלעטער.

ד.

אַמאָל, אַז דער ספק טוט מיך באַפאַלן,
זאָגט אין אַ זומער־פאַרנאַכט דער זיידע,
דעקט־צו מיך דאָס עצבות מיט וואָלענע שאַלן,
פאַרשאָטנט בין איך, ווי די זון, וואָס פאַרגייט דאָ.

איז נעם איך אַ ספר און הייב־אָן מישן,
די ווערטער רינען, ווי ווין פון אַ קראַן,
זיי טוען דעם גומען מיר דערפרישן,
ווי איינעם אין מדבר, רחמנא לצלן.

מיר דאַכט זיך, איך גיי אויף אַ באַרג אַ הויכן
און שורות זענען ביימערדיק גרין.
ס׳איז נישט די מחשבה, נישט דער תוכן,
ס׳איז, פרויקע, גאָר אַן אַנדער מין.

די אותיות זענען בלעטלעך צעבליטע,
דאָס וואָרט איז אַ בוים, וואָס רוישט און רעדט.
איך גיי צווישן זיי מיט טריט אָפּגעהיטע
און גיב יעדער אות מיט די אויגן אַ גלעט.

איך זאָג אַקעגן די בחורשע ספקות,
וואָס זעען זע איך זיי אַמאָל אין דיין קוק.
דאָס האַרץ דיינס נעם און אין אותיות ווייק עס,
אַ תם וועסטו ווערן און דאָך זיין קלוג.

כ׳האָב אותיות, זיידע, געטרונקען פאַרשיכורט, —
דער ספק אַליין איז ביי מיר אַ געטראַנק, —
נאָר האַרץ מיינס ווערט אַלץ נאָך צעריסן אויף שטיקער,
אַפילו אַז אות ווערט ביי מיר אַ געזאַנג.

ביי זיבעציק האַלט איך. דער פאָרהאַנג פאַרציט זיך.
אַ פאַסיקל שיין לויכט־אַריין נאָך אַמאָל.
די פרייד האָט אי שירה, אי רינה, אי דיצה,
דער ספק האָט אָבער נאָר איין־איינציק קול.

יצחק באַשעוויס

# אַ פּאָר ווערטער וועגן זיך

(פון אַ רעדע)

ווען מ׳האָט מיך איינגעלאַדן צו רעדן פאַר דעם דאָזיקן עולם, האָב איך געוואוסט פאָראויס אַז ס׳איז נישטאָ די זאַך וואָס כ׳קאָן אים זאָגן וואָס ער ווייסט נישט אַליין, אָדער וואָס ער קאָן נישט געפינען אין ביבליאָטעק. כ׳האָב דעריבער ביי מיר אָפּגעפּאַסט צו רעדן וועגן זיך אַליין. ס׳איז אַוודאי נישט באַשיידן צו רעדן וועגן זיך. אָבער אַמווייניקסטן האָב איך אויף דעם געביט מער אויטאָריטעט פון אַנדערע. כ׳האָף אויך אַז מיין געשיכטע קאָן אין אַ זין דינען פאַר אַ ביישפּיל און מ׳קאָן פון איר עפּעס לערנען.

איך קאָן זאָגן אַז איך בין אויף מיין אייגענער הויט דורכגעגאַנגען אַ רייע עפּאָכן אין דער אידישער געשיכטע. איך בין אויפגעצויגן געוואָרן אין אַ היים וואו ס׳האָט געברענט מיט אַ מעכטיק פייער דער אַלטער אידישער גלויבן. אונזער שטוב איז געווען אַ שטוב פון תורה און ספרים. אַנדערע קינדער אין מיין עלטער האָבן געהאַט שפּילעכצער. איך האָב זיך געשפּילט מיט מיין טאַטנס ספרים. איך האָב אָנגעהויבן „שרייבן" נאָך איידער כ׳האָב געקאָנט דעם אַלף־בית. כ׳האָב גענומען דעם טאַטנס פּען, זי געטונקען אין טינט און אָנגעפּינטלט גאַנצע בויגנס פּאַפּיר. דער שבת איז געווען פאַר מיר אַן אָפּקומעניש. איך האָב אויף דעם טאָג געמוזט אַוועקלייגן מיין שרייבערישע מלאָכה.

מיין פאָטער האָט זיך אַריבערגעצויגן פון ראַדזימין קיין וואַרשע ווען איך בין נאָך געווען אַ יונג קינד און דאָרט האָב איך איבערגעלעבט אַ צווייטע עפּאָכע: די עפּאָכע פון השכלה. מיין ברודער י. י. זינגער, דער שפּעטערדיקער מחבר פון „די ברידער אַשכנזי", איז געוואָרן אַ ראַציאָנאַליסט. ס׳איז נישט געווען אין זיין נאַטור צו באַהאַלטן זיינע מיינונגען. ער איז געקומען אַהיים און גערעדט צו מיינע עלטערן אָפֿענע דיבורים. אַלץ וואָס די ראַציאָנאַליסטן, פון שפּינאָזאַן ביז מאַקס נאָרדוי, האָבן געהאַט צו זאָגן קעגן רעליגיע, האָט מיין ברודער אַרויסגעבראַכט אין זיינע טענות קלאָר און שאַרף. איך בין נאָך געווען יונג, אָבער איך האָב זיך צוגעהערט צו די דאָזיקע וויכוחים מיט דעם גרעסטן נייגיר. צום גליק זיינען מיינע עלטערן אים נישט שולדיק געבליבן קיין ענטפער. אַלץ וואָס מ׳האָט געקענט זאָגן אין דער פאַרטיידיקונג פון רעליגיע האָבן זיי אויך אַרויסגעבראַכט קלאָר און שאַרף. איך געדענק ווי מיין פאָטער פלעגט אַ רוף טאָן: ווער־זשע האָט פאָרט באַשאַפן די וועלט? פון וואַנען האָט זיך פאָרט גענומען דער הימל, די שטערן, די זון, די לבנה, די מענטשן, די חיות? מיין ברודער האָט געענטפערט אַז אַלץ האָט זיך אַנטוויקלט, דערמאָנט דאַרווינען, אָבער מיין מוטער האָט געטענהט: ווי אַזוי אַנטוויקלט זיך עפּעס פון ערד און וואַסער אַ באַשעפעניש מיט אויגן, אויערן, אַ האַרץ, לונגען, אַ מוח? מיין פאָטער פלעגט אַ זאָג טאָן: ווען אַ טינטאָרן גיסט זיך אויס, שרייבט זיך נישט אָן דערפון אַ בריוו מיט אַ געציקלטער שריפט און מיט געהויבענע מליצות. מיין ברודער האָט נישט געוואוסט וואָס וואָס צו ענטפערן אויף דער דאָזיקער קשיא ווי מ׳ווייסט נישט ביז היינט צו טאָג.

צו פאַרשטאַרקן די אמונה האָבן מיינע עלטערן כסדר גערעדט פון נסים און מופתים פון באַרימטע רביים, ווי אויך דערציילט געשיכטעס פון שדים, לאַפּיטוטן, דיבוקים. פאַר אייניקע פון די דאָזיקע געשיכטעס האָבן מיינע עלטערן געדינט ווי עדות און איך האָב געוואוסט אַז זיי זיינען נישט קיין ליגנער. מיין מוטער האָט געהאַט אַ וואָרזאָגערישן חלום. זי האָט פאָראויסגעזען מיט דריי טעג פריער אַז עמעץ פון די שכנים וועט געווינען אויף דער לאָטעריע. מיין מוטער האָט נאָך דעמאָלט ניט געוואוסט אַז ס׳איז פאַראַן אַזאַ זאַך ווי אַ לאָטעריע. צו מיין זיידן, דער בילגאָרייער רב, אין שטוב איז אַריינגעקומען אַן אַלטער איד, אַ טרעפּער, אַ בעל־מופת, און ער האָט געוויזן מיין זיידן אַז ער קאָן לייענען פון אַ ספר ווען דאָס ספר איז פאַרמאַכט און ער, דער איד, שטייט אַוועקגעדרייט דערפון. איך האָב פון דער דאָזיקער געשיכטע שפּעטער אָנגעשריבן די דערציילונג „דער איד פון בבל". מיין מוטער האָט אויך געקאָנט אַ הויז וואו ס׳האָבן זיך אַריינגעכאַפּט שדים, אָדער ווי מ׳וואָלט עס היינט אָנגערופן: „אַ הויז מיט אַ פּאָלטער־גייסט". ביי אַברהם שוחט האָט דער נישט־גוטער געקלאַפּט וואָכן צייט. ער האָט געענטפערט אין קלאַפּ־לשון אַז מ׳האָט אים עפּעס געפרעגט. איך קאָן זאָגן אַז כמעט אַלץ וואָס איך האָב שפּעטער געלייענט ביי קאָנאַן דאָיל, סער אָליווער לאָדזש, גורני און מאַיער, פלאַמאַריאָן און פּראָפעסאָר רהיין, האָב איך געהערט אין אונזער שטוב אין עלטער פון זיבן אָדער אַכט יאָר. די אייביקע פּראַגן, די וועלט־רעטענישן, די סודות פון דער מענטשלעכער נשמה, זיינען געווען אין אונזער הויז אַקטועל. איך האָב זיך צוגעכאַפּט צו דעם „מורה נבוכים", דעם „כוזרי" און אַפילו צו קבלה־ספרים אין אַן עלטער וואָס וואָלט היינט אויסגעזען אומגלויבלעך. ערשט שפּעטער מיט יאָרן ווען איך האָב געלייענט די אויטאָביאָגראַפיע פון שלמה מיימון, האָב איך זיך איבערצייגט אַז קינדהייט־און־דערוואַקסנקייט איז דורכאויס אַ רעלאַטיווער באַגריף. שלמה מיימון האָט צו זיבן יאָר שוין געבויט אַסטראָנאָמישע אינסטרומענטן. ר׳ נחמן בראַסלאַווער איז שוין צו פינף יאָר געווען אַ הייליקער און אַן אַסקעט. אין די צייטן פון היטלער־חורבן האָבן פיר און פינף יאָריקע קינדער זיך געפירט ווי דערוואַקסענע. די אינטעלעקטועלע אומרייפקייט פון דער היינטיקער יוגנט איז נישט קיין פיזיאָלאָגישע, נאָר אַן אויסדרוק פון לוקסוס. איך וויל דאָ צוגעבן אַז ביי דעם אַלעמען בין איך געבליבן אַ קינד און האָב זיך געשפּילט מיט נישט ווייניקער פרייד פון די אַנדערע קינדער, אפשר נאָך מיט מער. אין חדר וואו איך האָב געלערנט האָב איך צוגעצויגן די אינגלעך מיט די אויסטערלישע מעשיות וואָס איך האָב דערציילט. אין איין פאַל האָב איך איינגערעדט די אינגלעך אין חדר אַז מיין פאָטער איז אַ קעניג און זיי האָבן געגלויבט דערין אויך...

ווען די ערשטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן, האָב איך געהאַט אַ געלעגנהייט צוצוזען און צו פילן אַלע סאָציאַלע ווייטיקן פון דער צייט. מיין מוטער פלעגט טענהן: וואָס שלאָגן זיי זיך, די קיסרים? צוליב וואָס פאַרגיסן זיי בלוט? איך האָב געזען מענער אין אונזער גאַס און הויף אַוועקגיין אין קריג און איבערלאָזן ווייגענדיקע פרויען און הונגעריקע קינדער. ס׳האָט זיך גלייך אָנגעהויבן אַן עפּידעמיע פון טיפוס. מיין פאָטער פלעגט טענהן צו מיין ברודער: דו רעדסט דאָך כסדר אין נאָמען פון שכל, — וואָס איז דער שכל פון דער דאָזיקער מלחמה? צו וואָס פאַרגיסט מען אַזויפיל בלוט? ווי קומט עס וואָס די אַלע געלערנטע פּראָפעסאָרן העלפן מאַכן האַרמאַטן

און באַמבעס אומצובערענגען אומשולדיקע מענטשן? ווידער האָט מיין ברודער נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. מ׳האָט אים אַליין אויך מאָביליזירט. אין דער קורצער צייט וואָס ער איז געווען אַ רעקרוט, איז ער דורכגעגאַנגען אַלערליי נגישות. די רוסישע און פוילישע רעקרוטן האָבן אים באַשולדיקט אין מאָרדן יעזוסן, סמען די ברונעמער, נוצן קריסטלעך בלוט אויף מצות און אין שפּיאָנירן פאַר די דייטשן. ס׳זיינען געווען צווישן די רעקרוטן אַ סך אונטערוועלט־פאַרשוינען, שלעגער, גנבים, אויספּרעסער. אין דער קאַזאַרמע איז דער מענטשלעכער שכל געווען באַנקראָט. מיין איידעלער ברודער איז אַנטלאָפן צוריק קיין וואַרשע און זיך אויסבאַהאַלטן אין דער אַטעליע פון זיינס אַ פריינט, אַ סקולפּטאָר. איך האָב אים געטראָגן אַהין עסן.

ניין, די וועלט וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר מיר איז נישט געווען קיין שכלדיקע. מ׳האָט געקאָנט פרעגן אויף דעם שכל פונקט אַזויפיל קשיות ווי אויף גאָט. אין מיין אייגן געמיט האָט געהערשט אַ תוהו ובוהו. איך האָב געליטן פון אומהיימלעכע חלומות און טיילווייז אַפילו פון האַלוצינאַציעס. הונגעריקע קינדער, לייזיקע בעטלער, שעכט־הייזער, היימלאָזע, פאַרוואונדעטע סאָלדאַטן האָבן נישט דערוועקט אין מיר קיין באַוואונדערונג פאַר דעם מענטשלעכן אָדער געטלעכן שכל. דער אָנבליק ווי אַ קאַץ כאַפּט אַ מויז האָט אַרויסגערופן אין מיר אַ בהלה פון מיטלייד און בונטאַרישקייט. דער מענטשלעכער שכל און דער געטלעכער חסד האָבן ביידע געהאַט דאָס אייגענע פנים...

מיין ברודער האָט זיך נאָך ווי ס׳איז געקלאַמערט אין דער האָפענונג אַז שכל וועט זיגן שפּעטער, באַחרית הימים. אָבער ווי יונג איך בין נאָך דעמאָלט געווען, האָב איך געוואוסט אַז דער גלויבן אין שכל איז פונקט אַזאַ עבודה זרה ווי דער גלויבן אין אַ ליימענעם געץ. איך האָב נאָך נישט געהאַט געלייענט די מאָדערנע פילאָזאָפן, אָבער איך האָב שוין אַליין איינגעזען אַז דער שכל איז פול מיט ווידערשפּרוכן ווען ס׳קומט צו די פּראָבלעמען פון צייט, רוים, סיבות, שוין נישט ריידנדיק וועגן דעם פּראָבלעם פון אַלע פּראָבלעמען: ליידן.

אין יענער צייט איז מיין מוטער צוזאַמען מיט מיר און אַ אינגערן ברודער, משה, אַוועק אין איר פאָטערס שטעטל, בילגאָריי, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער עסטרייכישער אָקופּאַציע. ס׳איז געווען אין 1917. קערענסקיס רעוואָלוציע האָט אויסגעזען ווי אַ נצחון פון שכל. אָבער באַלד איז געקומען די אָקטאָבער־רעוואָלוציע, די פּאָגראָמען אין אוקריינע. בילגאָריי, וואו מיר זיינען געקומען, איז געהאַט דורכגעגאַנגען אַ מגפה פון כאָלערע. אין עטלעכע וואָכן איז געהאַט אויסגעשטאָרבן אַ דריטל פון דער באַפעלקערונג, אַ צאָל פון מיינע קרובים איינגערעכנט. די געשיכטעס וועגן דער דאָזיקער מגפה זיינען ביז היינט פריש אין מיין זכרון.

בילגאָריי האָט זיך געפונען ווייט פון אַ באַן, אַרומגערינגלט מיט וועלדער און ס׳זיינען דאָרט געבליבן אידישע מנהגים און טראַדיציעס פון פאַר הונדערטער יאָרן צוריק. איך האָב זיך דאָרט נענטער באַקענט מיט דער נאַטור און מיט אַלט־אידישקייט. איך האָב שוין דעמאָלט געלייענט מאָדערנע אידישע און העברעאישע ליטעראַטור. ביידע ליטעראַטורן האָבן זיך געפונען אונטער דעם איינפלוס פון דער השכלה. ביידע האָבן געפּרעדיקט אַז דער איד זאָל אויסטאָן דעם כאַלאַט און ווערן אַן אייראָפּייער. ביידע זיינען געווען ראַציאָנאַליסטיש, ליבעראַל, הומאַניסטיש. אָבער פאַר מיר און פאַר מיין



וועלט־געפיל האָבן די דאָזיקע אידעען שוין אויסגעזען עפּעס ווי אַלטגעבאַקן. איך האָב באַנומען אַז דאָס פּראָבלעם ליגט נישט אין דעם אָדער יענעם רעזשים, אין די אָדער יענע רעפאָרמען. די באַשאַפונג אַליין איז ביי מיר געווען די גרויסע קשיא, וואָס מיר האָט זיך דעמאָלט אויסגעוויזן אַז איך מוז זי אָדער פאַרענטפערן אָדער אונטערגיין...

אין יענעם שטעטל האָב איך געהאַט אַ געלעגנהייט צו לייענען נישט בלויז די אידישע ליטעראַטור נאָר אויך אַ רייע איבערזעצונגען פון אַנדערע שפּראַכן. איך האָב זיך באַקענט מיט טאָלסטאָי, דאָסטאָיעווסקי, גאָגאָל, היינע, געטהע, פלאָבער, מאָפּאַסאַן. איך האָב געלייענט דזשעק לאָנדאָנס „די שטים פון בלוט" און די געשיכטעס פון עדגאַר אַלאַן פּאָ. נאָך מער, איך האָב באַקומען שפּינאָזאַס עטיק אין דייטשער איבערזעצונג. איך האָב זי שטודירט מיט דעם אייגענעם געדולד ווי אַ בלאַט גמרא. איך געדענק ביז היינט אויף אויסנווייניק אַ צאָל אַקסיאָמען, דעפיניציעס, טעאָרעמעס. היינט צו טאָג בין איך פעאיג צו זען די דעפעקטן און בלויזן אין שפּינאָזאַס פילאָזאָפיע, אָבער דעמאָלט האָט די „עטיק" געמאַכט אויף מיר אַ געוואַלדיקן איינדרוק. מיין דערציילונג „דער שפּינאָזיסט" וואָרצלט אין יענער צייט. נאָך שפּינאָזאַן האָב איך געלייענט אַ געשיכטע פון פילאָזאָפיע און טיילן פון קאַנט, שאָפּענהויער, ניטשע. איך האָב געלערנט פילאָזאָפיע נישט צו ווערן אַ פילאָזאָף, נאָר מיט דער קינדישער האָפענונג איינמאָל פאַר אַלעמאָל צו געפינען דאָרט דעם אמת, — אַן אמת וואָס זאָל געבן מיין לעבן אַ זין און אַן אָנהאַלט. אָבער איך האָב געזען קלאָר אַז דער כוח פון דער פילאָזאָפיע באַשטייט בלויז אין אָפּלייקענען די ווערט פון שכל, נישט אין אויפבויען אַ סיסטעם וואָס מ׳קען נעמען ערנסט און לויט אים פּראַקטיש און קאָנקרעט לעבן. דער מענטשלעכער אינטעלעקט איז געשטאַנען אומבאַהאָלפן פאַר אַן עקזיסטענץ וואָס האָט זיך נישט אַריינגעפּאַסט אין קיין שום סיסטעם, אין קיין שום ראַמען. איך אַליין בין געווען דער באַליידיקטער און פאַרשעמטער מענטשלעכער גייסט. איך האָב נישט איינמאָל געוואָלט מאַכן אַן עק צו מיין לעבן איבער דער דאָזיקער אינטעלעקטועלער אומבאַהאָלפנקייט.

די אַלע שטורמען האָבן זיך אָפּגעשפּילט אינעווייניק. פון דרויסן בין איך געבליבן אַ חסידישער בחור וואָס האָט געלערנט גמרא, געדאַוונט דריי מאָל אַ טאָג, געלייגט תפילין. אָבער מענטשן זיינען מבינים. מ׳האָט געקוקט אויף מיר אין שטאָט ווי אויף עפּעס אַ פרעמד געוויקס. איך האָב צוגעזען מיט צער און טיילמאָל מיט קנאה אַז אַנדערע בחורים אין מיין עלטער האָבן ווי־ס׳איז געמאַכט שלום מיט דער דאָזיקער וועלט און אירע פגעים. ס׳האָט מיר געפעלט זייער אונטערטעניקייט.

איך האָב אין יענער צייט אָנגעהויבן שרייבן אויף העברעאיש. לויט ווי מיין געמיט איז געווען צעשטורעמט, האָב איך געהאָפט אַז מיין פען וועט אַרויסברענגען אַמווייניקסטן אַ טייל פון דעם שטורעם. אָבער איך האָב צוגעזען אַ פאַרשעמטער ווי מיין פען ברענגט אַרויס באַנאַלע און אויסגעדראָשענע פראַזן, ענלעך צו יענע וואָס איך האָב געלייענט אין ביכער און זיי קריטיקירט. איך האָב געהאַט אַ געפיל ווי אַ טייוול אָדער אַ שרעטל וואָלט זיך אָנגעהאָנגען אין מיין פען און זי אינהיביצירט. אַ געהיימער כוח האָט מיך נישט געלאָזט אַרויסברענגען מיין אינערלעכקייט. נאָך אַ סך פּרוואַון האָב איך באַשלאָסן אַז שולדיק אין דעם איז די העברעאישע שפּראַך. הע־

בראשית איז מיר געווען נאָענט, אָבער זי איז פאַרט נישט מיין מוטערשפּראַך. שרייבנדיק האָב איך כּסדר געמוזט זוכן אין זכרון ווערטער פון תּנ״ך, פון דער משנה, פון די שפּעטערדיקע ספרים. נאָך עפּעס, יעדעס העברעאישע וואָרט שלעפּט נאָך זיך אומצאָליקע אַסאָציאַציעס. איך בין געקומען צום אויספיר אַז אין אידיש וועט מיר אַלץ אָנקומען לייכטער. כ׳בין אַריבער צו אידיש, אָבער דאָס האָט נישט געמאַכט קיין עק צו מיינע אינהיביציעס. עפּעס אַ טייוול האָט מיך נישט געלאָזט אַרויסברענגען מיין „איך״. איך האָב נישט ווילנדיק נאָכגעמאַכט קנוט האַמסון, טורגעניעוו און אַפילו קלענערע שרייבער פון זיי. דער דאָזיקער אונטערשייד צווישן דער אינערלעכקייט פון שרייבער און זיין אויסדרוק, איז אפשר די סאַמע פיינלעכסטע איבערלעבונג פון יעדן שעפער. אין אַ זין בלייבט זי ביז צום סוף. מיר אַלע האָבן די אילוזיע אַז מיר האָבן אַ סך מער וואָס צו זאָגן וויפל מיר זיינען קאַפּאַבל.

איך האָב גענומען מיט מיינע אייגענע מיטלען און מעטאָדן פאָרשן די טעכניק פון ליטעראַטור. וואָס מאַכט טאָלסטאָין אָדער דאָסטאָיעווסקין גרויס? איז עס אין אינהאַלט, אין דער פאָרם, אין דער קאָנסטרוקציע? מיין ברודער י. י. זינגער איז אין דער צייט געהאַט אַוועק קיין רוסלאַנד, פאַרבראַכט אַ פּאָר יאָר אין קיעוו, געשריבן אין דער דאָרטיקער אידישער פּרעסע און שוין געהאַט פאַרעפנטלעכט זיין דערציילונג „פּערל״. אין איינעם אַ טאָג האָט ער זיך באַוויזן אין בילגאָריי. ער איז געקומען אויף איין טאָג. ער איז שוין געווען אַן אָנגענומענער שרייבער. איך האָב געהאַט גענוג כאַראַקטער אים נישט צו ווייזן מיינע שרייבעכצער. כ׳האָב געוואוסט אַז איך מוז אַליין געפינען אַן אויסוועג.

נאָך אַ צייט בין איך געקומען קיין וואַרשע און בין אַריינגעפאַלן אין סאַמע קאָך פון דער אידישער ליטעראַטור. ס׳איז געווען אין די פריע צוואַנציקער יאָרן. איך האָב נאָך נישט געהאַט פאַרעפנטלעכט קיין שום זאַך. כ׳האָב געזעען אַלע מיינע חסרונות, אָבער איך האָב נישט געוואוסט ווי אַזוי זיי אויסצומיידן אָדער צו פאַרבעסערן. איך האָב, אָבער, אויך געזעען די חסרונות פון אַנדערע. מיין ברודער האָט זיך געחברט מיט די מאָדערניסטן פּרץ מאַרקיש, וואָס איז שפּעטער אומגעקומען ביי סטאַלינען; מלך ראַוויטש, אורי צבי גרינבערג און אויך מיט די שרייבער וואָס זיינען געקומען פון אַמעריקע אויף אַ באַזוך ווי י. אַפּאַטאָשו. עס זיינען דעמאָלט אַרויס אין וואַרשע די „ליטעראַרישע בלעטער״ און איך האָב באַקומען אין דעם דאָזיקן זשורנאַל דעם פּאָסטן פון אַ קאָרעקטאָר. די יונגע אידישע ליטעראַטור איז געווען אָנגעשמעקט מיט דעם גייסט פון רעוואָלוציע. מאַרקיש האָט געשריבן אין סטיל פון מאַיאַקאָווסקי. דער באַליבטסטער שרייבער ביי דער גרופּע איז געווען דער רוסישער פּאָעט אַלעקסאַנדער בלאָק, דער מחבר פון דער פּאָעמע „צוועלף״. ס׳האָט געהייסן ביי דער כאַליאַסטרע אַז די קלאַסישע און אַקאַדעמישע ליטעראַטור איז באַנקראָט. מ׳האָט פּראָקלאַמירט אַ נייע צייט, אַ נייעם גייסט, אַ נייעם סטיל. איך האָב נישט געהאַט די העזה אָקעגנצורעדן די דאָזיקע שרייבער, שוין אַלע אָנערקענטע, בעת איך האָב נאָך נישט געהאַט פאַרעפנטלעכט קיין איין שורה. אָבער איך האָב וואויל געזען אַז ס׳איז דאָרט נישט פאַראַן קיין נייער גייסט און נישט קיין נייער סטיל. מ׳האָט אָנגעטאָן די אַלטע טראַפאַרעטן רויטע הויזן, אָבער פון הינטער זיי האָט אַרויסגעוויינט די אַלטע באַנאַליטעט. די שרייבער האָבן גענוצט אויסדרוקן



אָן גייסטיקער דעקונג, זשאָנגלירט מיט ווערטער. דער גלויבן אַז די באַלשעוויסטישע רעוואָלוציע וועט אויסלייזן די מענטשהייט פון אַלע צרות איז געווען צו־נאַאיוו אַפילו פאַר מיר, דעם בחור פון דער פּראָווינץ. די אידישע לאַגע אין פּוילן איז געווען אַ ביטערע. דאָס פּוילישע פאָלק — דאָס פאָלק, נישט בלויז דער רעזשים — האָט קיינמאָל נישט קיין שלום געמאַכט מיט דעם צווייטן פאָלק, דעם אידישן, וואָס האָט אין זיינע גרענעצן אויסגעבויט אַ סיסטעם אין אַ סיסטעם, געהאַט אַן אייגענע אמונה, אַן אייגענע שפּראַך, אייגענע ימים־טובים, אייגענע פּאָליטישע צילן. מיין פאָטער האָט אינגאַנצן נישט געקאָנט קיין פּויליש. איך האָב גערעדט פּויליש מיט אַן אַקצענט. מיינע אור־עלטערן האָבן געלעבט אין פּוילן נאָך מיט זעקס הונדערט יאָר צוריק, אָבער איך האָב זיך געפילט ווי אַן אויסלענדער אין פּוילן און איך בין דאָס פּאַקטיש געווען. קיין שום רעוואָלוציע האָט נישט געקאָנט צונויפברענגען די דאָזיקע צוויי פעלקער וואָס זיינען זיך געווען מוראדיק ווייט. ביידע, סיי דער קאָמוניזם און סיי דער ציוניזם וואָס האָט דעמאָלט באַהערשט די אידן אין פּוילן, האָבן נישט געשטימט מיט די פּוילישע אידעאַלן. איך וויל זיך דאָ נישט באַרימען און ס׳איז נישטאָ מיט וואָס זיך צו באַרימען, אָבער איך האָב שוין דעמאָלט געזען קלאָר אַז אידן לעבן אויף אַ וואולקאַן. אין מיין פאַרביטערונג האָב איך פאָראויסגעזאָגט דעם חורבן. אָבער אַרום מיר האָט געשווינדלט און געגריבלט מיט אָפּטימיזם און ראַציאָנאַליזם, כאָטש באַפאַרבט מיט רויטן דאָגמאַטיזם.

מיין ברודער האָט זיך באַפרייט פון די רעוואָלוציאָנערע מליצות, אָבער ער האָט נאָך אַלץ געגלויבט, אָדער בעסער געזאָגט: געהאָפט אַז דאָס מענטשלעכע מין וועט קומען צום שכל. ער האָט נאָך אַלץ געלייגט האָפענונגען אויף דער אַזוי גערופענער אַנטוויקלונג. ביסלעכוויז וועט דער מין מענטש איינזען אַלע זיינע טעותים. מיין ברודער האָט געמוזט האָבן דעם דאָזיקן גלויבן אין מאָראַלישן פּראָגרעס, כאָטש די פאַקטן האָבן אים געשלאָגן אויף רעכטס און אויף לינקס. אין אַ זין האָב איך איצט געהאַט איבערגענומען די ראָל פון מיינע עלטערן: איך האָב אין די שמועסן מיט אים אומברחמנותדיק צעשטערט זיינע הומאַניסטישע אילוזיעס. ס׳טוט מיר איצט באַנג. ווייל מיט וואָס האָב איך זיי געקאָנט פאַרטרעטן? מיינע עלטערן האָבן אַמווייניקסטן געפּרעדיקט רעליגיע. איך האָב גאָרנישט פאַרמאָגט אויסער אַ כּוח צו צעשטערן. מיין ברודער האָט אַרויסגעוויזן אין באַצוג צו מיר אַ סך טאָלעראַנץ און פאַרשטענדעניש. פאַרקערט, איך האָב זיך געהאַלטן ווידערשפּעניק און גאַנץ אָפט חוצפּהדיק.

אין מיר אַליין האָט זיך אָנגעהויבן אויסשיילן אַ וועלט־אַנשויאונג וואָס ס׳איז מיר שווער צו געפינען פאַר איר אַ נאָמען. איך וואָלט זי אָנגערופן: אַ סאָרט רעליגיעזער סקעפּטיציזם. ס׳איז דאָ אַ גאָט, אָבער ער האָט זיך צו קיינעם נישט אַנטפּלעקט און קיינער ווייסט נישט וואָס ער איז און וואָס ער באַצוועקט. ס׳זיינען פאַראַן אומצאָליקע אַנדערע וועלטן און אַפילו דאָ, אויף דער וועלט, זיינען מסתמא פאַראַן העכערע און נידריקערע וועזנס וואָס מיר האָבן וועגן זיי נישט אַנונג. עס איז דאָ אַן אָרט פאַר מלאָכים, שדים און פאַר כּוחות וואָס האָבן נישט און וועלן אפשר נישט האָבן קיין נאָמען. איך האָב אויף אַן אייגענעם אויסטערלישן אופן צונויפקאָמבינירט משהס צען געבאָט, די פילאָזאָפיע פון דייוויד יום, די קבלה פון ר׳ משה קאָרדאָווירא

און פון אַר״י, דעם אָקולטיזם פון פלאָמאַריאָן, סער אָליווער לאדזש, וויליאַם קרוקס און פאַרקאָכט דערפון אַ קאַשע פון דעאיזם און מיסטיציזם, וואָס האָט געפּאַסט צו מיין מוח, צו מיין נאַטור. אָנשטאָט אַ קאָסמאָס פון פאַקטן, האָב איך געזען אַ קאָסמאָס פון מעגלעכקייטן. איך וואָלט געזאָגט: די מעגלעכקייט איז די זאַך אין זיך. אין אָנהויב איז געווען די מעגלעכקייט. פאַטענץ און פאַקט זיינען אידענטיש. גאָט איז די סומע פון אַלע מעגלעכקייטן. צייט איז דער מעכאַניזם וואָס ברענגט זיי אַרויס, שטעלט זיי פאָר. די קבלה האָט געלערנט אַז אַלע וועלטן ווערן געשאַפן דורך צירופי־אותיות. מיין אייגענער געדאַנק האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ מיש־מאַש פון אומצאָליקע מעגלעכקייטן און קאָמבינאַציעס. איך האָב דעמאָלט זיך שוין געהאַט אָנגעשטויסן אויף שאָפּענהויערס ווערק „די וועלט אַלס ווילן און פאָרשטעלונג“. לויט שאָפּענהויערן איז ווילן די זאַך־אין־זיך, דער נאָומען, די טרייב־קראַפט הינטער אַלע דערשיינונגען. פאַר מיר איז די קאָמבינאַציע, די מעגלעכקייט געוואָרן דער אור־עלעמענט. גאָט איז מעגלעכקייט. דאָס איז געוואָרן מיין מעטאַפיזיק. דער עלעמענט אַליין איז קאָמבינאַציע.

דאָס איז נישט געווען קיין פילאָזאָפיע פאַר אַנדערע, נאָר פאַר מיר אַליין, אַ סאָרט פּריוואַטע פילאָזאָפיע צוגעשניטן פאַר איין געברויכער. איך אַליין האָב זי ווי ס'איז פאַרשטאַנען, אָבער כ'האָב נישט געהאַט די מיטלען און די באַדערפעניש זי אויסצוברייטערן און צו געבן צו פאַרשטיין אַנדערע. כ'וואָלט געזאָגט אַז דאָס איז מער אַ פילאָזאָפיע פון בעלעטריסטיק ווי פון זיין. גאָט איז געווען פאַר מיר אַן אייביקער און אוניווערסאַלער בעלעטריסט. זיין הויפּט־אַטריבוט איז שעפערישקייט. גאָט איז שאַפונג און דאָס וואָס ער באַשאַפט איז געמאַכט פון דעם אייגענעם שטאָף וואָס ער און איז פול מיט דעם אייגענעם געטלעכן פאַרלאַנג: ווייטער צו שאַפן. איך האָב זיך געשטיצט אויף דעם מדרש אַז איידער גאָט האָט באַשאַפן די וועלט, האָט ער באַשאַפן און חרוב געמאַכט אומצאָליקע אַנדערע וועלטן. גאָט האָט, ווי מיין ברודער, געוואָרפן זיינע שאַפונגען אין קויבער אויב זיי זיינען אים נישט געראָטן. דאָס מבול, דאָס חרוב מאַכן סדום, דאָס אַרויספירן די אידן פון מצרים, — דאָס זיינען אַלץ עפּיזאָדן אין אַ געטלעכן ראָמאַן, פול מיט שפּאַנונג און אַוואַנטורעס. יאָ, גאָט איז אַ שעפער און אַלץ וואָס ער שאַפט האָט אַ ליידנשאַפט צו שאַפן. יעדער אַטאָם, יעדער מאָלעקול האָט שעפערישע מעגלעכקייטן און באַדערפענישן. די זון, די פּלאַנעטן, די פיקס־שטערן, — דער גאַנצער אוניווערז זידט מיט שעפערישקייט און שעפערישע פאַנטאַזיעס. איך האָב עס אַמשטאַרקסטן געפילט אין מיר אַליין.

דאָ האָב איך זיך באַנוצט מיט דעם וואונדערלעכן באַגריף פון צמצום וואָס אויף אים איז געבויט די קבלה פון אַר״י. גאָט איז טאַקע אַ כל יכול, אָבער ער האָט געמוזט איינשרומפּן זיך און זיין ליכט, ער זאָל קאָנען שאַפן. די אינהיביציע איז דער מקור פון שאַפונג נישט בלויז אין מענטש, נאָר אויך אין דער געטלעכקייט. דאָס שלעכטע, די קליפה, מאַכט מעגלעך שעפערישקייט. גאָט מוז האָבן דעם טייוול פאַר זיינע אומענדלעכע ווערק. אַלע ליידן זיינען, אויב אַזוי, שעפערישע ליידן, חבלי־לידה. אַלע יסורים זיינען ווי די יסורים פון אַ שרייבער וואָס שילדערט אַ גרויליקע סצענע, לעבט זיך אַריין אין איר, ליידט מיט די העלדן, אָבער ער ווייסט דערביי אַז ס'איז אַלץ אויסגעטראַכט און צונויפגעשטעלט צוליב אַ העכערן געניוס. יעדער מענטש,



יעדע חיה, יעדע עקזיסטענץ איז טייג אין די הענט פון אַ שעפער און דערביי אַליין אַ שעפער. מיר זיינען אַליין דער שרייבער, דאָס בוך און די העלדן. אידישע פילאָזאָפן האָבן דאָס אויסגעדריקט מיט די ווערטער: הוא היודע הוא הידוע והוא המדע.

איך וויל אייך דאָ נישט פאָרשלאָגן קיין נייע פילאָזאָפיע, נאָר שילדערן אַ געמיט־צושטאַנד. ווי אַ קינסטלער האָפט אַלע יאָרן אַרויסצוברענגען דאָס גרויסע ווערק, דאָס פּערפעקטע ווערק, אַזוי שטרעבט גאָט און אַלץ וואָס ער האָט באַשאַפן צו פּערפעקציע. גאָט איז נישט אַ סטאַטישע פּערפעקציע, ווי שפּינאָזאַ האָט געלערנט, נאָר אַן אומענדלעכער און אומדערזעטיקטער דראַנג צו השלמה. אַלע שאַפונגען זיינען נישט מער ווי שטאַפּלען און עקספּעריימענטן אין דער געטלעכער לאַבאָראַטאָריע. ווען איך בין געווען אַ אינגל און געלערנט אַקדמות, איז דאָרט געשטאַנען אַז ווען אַלע הימלען זאָלן זיין פּאַרמעט, אַלע וועלדער פּענעס, אַלע ימים טינט און אַלע באַוואוינער פון דער ערד שרייבער, וואָלטן זיי נישט געקאָנט אויסשרייבן די סודות פון דער תורה. דאָס דאָזיקע משל איז געוואָרן מיין קרעדאָ. די הימלען זיינען ווירקלעך פּאַרמעט און די וועלדער זיינען פּאַקטיש פּענעס און אַלץ וואָס עקזיסטירט שרייבט, מאָלט, קאָמבינירט און לעכצט נאָך שעפערישער פולקאָמענהייט.

וויבאַלד דער צוועק פון אַלץ איז די שאַפונג, איז שאַפונג דאָס קריטעריום פון עטיק. זי איז געוויס די מאָס פון עסטעטיק. זי קאָן אויך זיין די מעסטשנור פון סאָציאָלאָגיע. אַן אָרט האָבן בלויז יענע סאָציאַלע סיסטעמען, וואו שעפערישקייט קאָן וואַקסן. פרייהייט איז נישט מער ווי די מעגלעכקייט צו שאַפן. דער היפוך דערפון איז שקלאַפעריי. אַזוי ווי שעפערישקייט נויטיקט זיך אין צייט און אין אַ געוויסן לוקסוס, מוז מען בויען אַזאַ מלוכה וואו יעדער בירגער זאָל האָבן גענוג צייט, מיטלען און פרייהייט צו עקספּערימענטירן אויף זיין געביט. דאָס קומען פון משיח איז ביי מיר געוואָרן אידענטיש מיט אַ צייט ווען אַלע נשמות וועלן קאָנען שאַפן פריי און זוכן נייע מעטאָדן און מיטלען פאַר זייערע שעפערישע כוחות.

וויבאַלד אין אָנהויב איז געווען די מעגליכקייט, איז נישטאָ קיין אונטערשייד צווישן זיין און פאַנטאַזיע. נישט מער, דאָס פאַנטאַסטישע קאָן נישט קומען פלוצלונג און אַנטשטיין פון גאָרנישט. עס מוז זיך שטיצן אויף דעם וואָס מען רופט עמפּיריק, אינערלעכער און אויסערלעכער. שעפערישקייט איז אינדיווידואַליזם און דער שעפער מוז דעריבער זיך אָפּשטעלן אויף דעם איינצלפאַל, דעם אויסנאַם, דעם אייגנאַרטיקן. לייבניטץ האָט פאַרזיכערט אַז די מאָנאַדן האָבן נישט קיין פענסטער, אָבער איך האָב מיר פאָרגעשטעלט אַז זיי האָבן יאָ פענסטער. די מאָנאַדן פאָרשן איינער דעם אַנדערן, אָבער זיי טאָרן נישט נאָכמאַכן איינער דעם צווייטן. די מאָנאַדן מוזן וויסן געוויי ווען צו פאַרמאַכן די פענסטער און אָנצוהענגען לאָדנס...

מיט אַמאָל איז מיר געוואָרן קלאָר מיין וועג אין ליטעראַטור: צו פאַרוואַנדלען די אינהיביציע אין אַ מיטל פון שעפערישקייט; אָדער זיך אויסצודריקן אין די טערמינען פון דער קבלה: מעלה צו זיין יענע פונקען וואָס פאַלן אַריין פון דער קדושה אין דער טומאה; צו דערקאָנען אין דער אינהיביציע אַ פריינטלעכן כוח אָנשטאָט אַ פיינטלעכן. אויב אַפילו אָט דער גאַנצער סיסטעם מיינער איז דורכאויס אַ פיקציע, האַלט איך פונדעסטוועגן אַז ער קאָן זיין גילטיק און נוצלעך פאַר דעם שעפער. אין שאַפן איז זיכער אמת

אַז דער שאָטן זאָגט עדות אויף דעם ליכט און אַז די חיצונים זיינען נישט מער ווי נסיונות און אַרויספאָדערונגען פאַר וויטערדיקע שטייגונגען. יעדע נפילה איז לצורך עליה. יעדע זינד קאָן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מצווה, יעדע תאווה, ווי נידעריק זי זאָל נישט זיין, קאָן ווערן אַ לייטער צו שטייגן.

„שטן אין גאָרײַ" וואָס איך האָב געשריבן אין 1932 איז געווען אַ פּראָדוקט פון דער דאָזיקער אויפפאַסונג. אַלע אַנדערע ווערק מיינע זיינען אַ רעזולטאַט פון דער דאָזיקער פילאָזאָפיע. איך זוך כסדר די קדושה וואָס פאַלט אַריין אין דער טומאה, וויסנדיק אַז ריינע קדושה איז נישט שעפעריש, נישט באַגרייפבאַר. וואָס טיפער דער שאָטן, אַלץ בעסער קאָן מען אָנזען דעם ליכטיקן פונקט אין אים, אָדער דעם ליכטיקן פונק. די שבתי צבי עפּאָכע איז געווען פאַר מיר אַ זעלטענע געלעגנהייט אויסצודריקן מיין געדאַנקענגאַנג. זי האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ לעקציע אין רעליגיע און אין שעפערישקייט: אַז מ'קאָן לערנען פון דער אינהיביציע, מ'קאָן זי לייטערן, אָבער מ'קאָן זי נישט פאַרטרייבן מיט געוואַלד און איגנאָרירן, אָדער זיך איר אינגאַנצן אונטערגעבן. די אינהיביציע איז אַ סיגנאַל, נישט קיין יש. אין כמעט אַלע שפּעטערדיקע ווערק מיינע האָב איך געוויזן אָפן אָדער פאַרבאָרגן דעם מענטשלעכן באַגער צו שאַפן, צו געפינען דאָס נייע, דאָס אייגנאַרטיקע אין זיך, און די שטרויכלונגען וואָס ליגן אים אויפן וועג און וואָס ער טאָר נישט איגנאָרירן און פאַרגוואַלדיקן.

שאַפן איז ביי מיר אַ ברייטער באַגריף. איך וואָלט געזאָגט אַז אַלץ וואָס גיט דעם מענטש פאַרגעניגן איז שעפעריש און אַלץ וואָס פאַרשאַפט יסורים, איז אַן אינהיביציע אין זיין שעפערישן דראַנג. ווי שפּינאָזאַ בין איך אַ העדאָניסט. ווי די מקובלים, גלויב איך אַז דער פּרינציפּ פון „ער" און „זי" הערשט נישט בלויז אונטן, נאָר אין אַלע וועלטן און אַז ער איז פאַקטיש דער געטלעכער שטאָף. דער וועלט־ראָמאַן, ווי דער ראָמאַן פון אַן איינציקן קינסטלער, מוז אַנטהאַלטן ליבע.

די מקובלים האָבן פאַרגליכן די קליפּה צו דער נקבה און ס'איז פאַראַן אין דעם אַ טיפער זין. דער מאַן קאָן אַרויסברענגען זיינע זוימען גיך און אַ סך. אָבער די פרוי איז די יעניקע וואָס פאָדערט צייט, געדולד, אַ פּעריאָד פון רייף־ווערן. זי איז, אויב איר ווילט, די אינהיביציע, אָבער זי איז גלייכצייטיק דער כוח וואָס פאַרוואַנדלט אינטענץ אין טאַט. די מקובלים האָבן צוגעשריבן אַפילו צו דער גאָטהייט דעם פּרינציפּ פון דעם מאַנסבילשן און דעם ווייבלעכן — די שכינה. גאָט אַליין מוז האָבן צייט און רוים פאַר זיינע ווערק. ער איז נישט געווען רייף באַלד פון אָנהויב, נאָר ער ווערט רייף אין דער אומענדלעכקייט. מיר מענטשן קאָנען אים דינען דורך שאַפן אויף אונזער קליינעם שטייגער און אין אונזערע ראַמען אַזאַ מצב אַז אַלץ אַרום אונז זאָל געניסן פון שעפערישן חסד; אַז דאָס גאַנצע דאָזיין זאָל ווערן פול מיט שאַפונגס־ פרייד; פון דער בין ביז צום מענטש; פון דעם מיקראָב וואָס מאַכט זויער אונזער מילך ביז צום העכסטן מייסטער.

גאָט באַשאַפט כסדר און דער מענטש מוז גיין אין זיינע וועגן. די צוקונפט פון מענטש און פון גאַנצן קאָסמאָס איז שעפערישקייט. ס'קאָן דעריבער נישט זיין קיין רייד וועגן דעטערמיניזם. גאָטס געזעצן זיינען עטישע און עסטעטישע, נישט פיזישע, און זיי פאַרענדערן זיך כסדר. זייער צוועק איז שיינקייט. זייער גרענעץ איז גאָטס פאַנטאַזיע. גאָט, ווי דער קינסטלער, ווייסט אַליין



נישט פאָראויס וואָס ער וועט טאָן, אָבער די אינטענץ איז אַלעמאָל אַרויסצוברענגען אַ מייסטער־ווערק. אָט־די אַספּיראַציע רופן מיר יסורים.

אין דעם דאָזיקן סיסטעם זיינען עמאָציעס נישט פּאַסיוויטעט ווי ביי שפּינאָזאַן. גאָט אַליין איז עמאָציע. גאָט טראַכט און פילט. ליבע און רחמנות געהערן צו זיינע אַטריבוטן. ווי געזאָגט, איז דאָס אַ פּריוואַטע פילאָזאָפיע פאַרן אייגענעם געברויך, אָבער זי איז נאָענט צו אידישקייט אָפּגעשפּיגלט אין קבלה און אין חסידות. אַ וויכטיקער עלעמענט אירער איז בחירה. ווי קאָן זיין שעפערישקייט אָן בחירה? שעפערישקייט איז אויך אוממעגלעך אָן עטיק. איך גיב דאָ בלויז ראָשי־פּרקים, אַן אָנהויב פון אַ געדאַנק וואָס איז נאָך אין פּראָצעס פון אַנטוויקלונג.

די אידעע אַז די גאָטהייט וואַקסט, באַשאַפט זיך אַליין, גראָבט אין אירע אייגענע טיפענישן און ווערט אַלץ העכער און ליכטיקער, — איז פאַרבאָרגן אין דער קבלה, אין חסידות, און אין יעדער רעליגיע. אַ סטאַטישער און איינמאָל־פאַר־אַלעמאָל פאַרענדיקטער גאָט איז אין זיך אַליין אַ סתירה און אַ לעסטערונג. דער דאָזיקער גלויבן איז באַזונדערס נאָענט דער פאַנטאַזיע פון אַ שעפער. גאָט, ווי דער מענטש, האָט נאָך זיין ווערק נישט פאַרענדיקט און וועט עס קיינמאָל נישט פאַרענדיקן. גאָט איז וואוקס — אייביקער וואוקס. און אַזוי איז זיין באַשאַפונג. ווען דער מענטש וואַקסט, דינט ער גאָט און העלפט אים אין זיין געטלעכן פאַרמעסט...

*

גבריאל פרייל

# לידער

## צווישן רעגנס

ביינאַכט, ווען רעגן-מוזיק וועקט דיך אויף
צווישן איין שלאָף און אַ צווייטן,
און אַ טייכיק מורמל פליסט דורך
דעם דאָרף פון דיין חלום —
קומען צוריק צו דיר רעגנס פון קינדהייט
לאַנג-און-זיס פאַלנדיקע
מיט עכאָס יונג-זילבערדיקע ;
אָדער דו טראַכסט וועגן דעם שווערערן מעטאַל
פון רעגנס זיך-נאָך טראַגנדיקע
וואָס וועלן אַמאָל מידע אָנקלאַפּן
אויף דיין פאַרמאַכטער טיר.

נאָר אַט אין ליכט פון אַ פלוצלינגדיקן בליץ
דערזעסטו שאַרף אַז דיינע יאָרן איצט
ציען זיך ווייט אַוועק מיטן רחמנותלאָזן שטראָם
און אַז זיי זיינען דאָך גוט און וואויל-שמעקעוודיק
ווי דער איצט-פאַלנדיקער רעגן.

## רמב"ם־פאַרצייכענונג

דער רמב"ם האָט קיינמאָל קיין שניי ניט געזען,
אָבער ער האָט פון פאַרשטאַנד געאַנט
ס'פראָסטיקע פייער,
פון ווייסקייט פאַרנומען אַ לייבן־ברום
וואָס ווערט אַן איינגעהאַלטן־שטילער
זיפּין־און־פליסטער.

דער רמב"ם האָט קיינמאָל קיין שניי ניט געזען,
נאָר אַ שטאַרקער טרייסט־ווין האָט
זיינע לאָגלען מילד באַוועגט,
דורך וואָלקנס האָבן זיינע גנאָד־פּאָנען געצויגן,
און זיין אויג האָט געפאַנגען די אמונה
שנייאיק אַרויסשטראַלן פון וואַלד.

*

א. לעיעלעס

## אַ דערמאָנונג

אַ וועג אין פוילן דרייט זיך, אַ וועג באַדעקט מיט שטויב,
אַ בריטשקע פאָרט פּאַמעלעך, אַ בריטשקע מיט איין פערד.
דער פורמאַן פלוידערט עפּעס, עס פליט פאַרביי אַ טויב
און לאָזט אַראָפּ זיך פּיקן אַ קרישקע אויף דער ערד.

דער זומער שטייט מיט רחבות, דאָס לאַנד איז גרין און גאָלד,
דאָס אינגל אין דער בריטשקע — דער איינער פּאַסאַזשיר.
ער קוקט פאָראויס כסדר, גלייך ס'וואָלט זיין אויג געוואָלט
זיין שטוב אַ צי טאָן נענטער, זיין היימיש־ליבע טיר.

נאָר פויל דאָס פערדל שלעפּט זיך, עס שלעפּט זיך טראָט ביי טראָט,
דער פורמאַן רעדט אָן אויפהער, ווי ס'פערדל האָט ער צייט.
דאָס אינגל איז אָן ברירה, עס באַקט די זון און בראָט,
ער נעמט די בליקן וואַרפן, ער קוקט אין יעדער זייט.

און אָט באַווייזט דאָס אויג אים, ס'כאַפּט אויף זיין וואַנדער־בליק
אַ סאָד מיט עפּל־ביימער, אַ לאָנקע און אַ באַנק,
און אויף דער באַנק אַ מיידל, זי קוקט אַהין־צוריק,
און לאָזט די אויגן רוען אויף אים ווי פרום געזאַנג.

דאָס מיידל איז אַ שאָנקייט, איר קאָפּ אַ קרוין פון בלאָנד,
אַ זעאונג ווי פון ביכער, אַן אויסגעחלומט בילד.
ווען ס'אינגל זאָל געגענען... ווען ער וואָלט בלויז געקאָנט...
ער ווייס אַליין נישט ריכטיק, עס היצט אים און עס קילט.

דאָס אינגל איילט שוין מער נישט פאָראויס מיט זיין געדאַנק,
ער וואָלט געוועזן אַ בעלן צוריק צו פאָרן גיך.



דער עפּל־סאָד, די לאָנקע, דאָס מיידל אויף דער באַנק —
ער האָט זיין פרייד געלאָזט דאָרט, געלאָזט אַ שטיק פון זיך.

דאָס האָט פּאַסירט שוין ממש מיט טויזנט יאָר צוריק,
נישטאָ שוין מער זיין פוילן, קיין גאָלד און קיין שום גרין;
פאַרשוואָנקען איטלעך בריקל, פאַרברענט די לעצטע בריק,
אַ שריפה זיין זכרון, פאַרפלייצעניש זיין זין.

נאָר ווען ער פאָרט וואו ווידער, דער זומער ווידער שפּאַנט
מיט בלענד און עפּל־ריחות פון סעדער מייל נאָך מייל,
גייט טיף אין אים אַ פלאַטער און ס'קלעמט אים נאָכאַנאַנד.
אַ רגע לויכט מיט כישוף און — שווינדט באַלד אין געאייל.

*

שמחה לעוו

## יהודה לייב גאָרדאָנס תנ"כישע און צייט־מאָטיוון

אין דער איינזייטיקער און באַגרע־עצטער השכלה־ליטעראַטור פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט איז די דערשיינונג פון יהודה לייב גאָרדאָן געווען אַן איבערראַשונג סיי מיט זיין פּאָעטישן פאַרנעם און סיי מיט דער פילזייטיקייט פון זיינע גייסטיקע אינטערעסן. זיין אויפפאַסונג וועגן קולטור־קאַמף אין דער אידישער געשיכטע האָט געהאַט געוואַגטקייט און חידוש. ער איז געווען דיכטער און דערציילער, פעליעטאָניסט און פובליציסט, אַ געוויסע צייט רעדאַקטאָר פון „המליץ". ער האָט געשריבן העברעאיש און אידיש, רוסיש און דייטש. ער איז געווען דער מחבר פון „סידור בית יהודה", מיט אידישער איבערזעצונג פון די תפילות און מיט אַ היסטאָרישן אַריינפיר צו זיי. חוץ דעם אַלעמען איז ער נאָך געווען דערצו אַ געזעלשאַפטלעכער טוער, און זיינע קאַמפן האָבן גורם געווען ער זאָל פאַרשיקט ווערן קיין סיביר. ער האָט געהאַט אַ וואַך אויג און האָט אויפגענומען מיט וואַרעמקייט די ניי־אויפגעקומענע העברעאישע שרייבער, וואָס ער האָט געזען אין זיי סימנים פון טאַלאַנט (ווי יעבץ, למשל) און האָט געקעמפט מיט די וואָס קומען מיט ליידיקע הענט און מאַכן אַן אָנשטעל פון שרייבער:

„זאָל זיך גאָט מרחם זיין אויף אונזער אָרעמער ליטעראַטור, ווייל עס האָבן זיך געמערט, און נאָך ווי געמערט, איצט שרייבער, וואָס זיינען פוסט און לער, פלאַפּלען נאַרישקייטן און דערנידעריקן איר כבוד ביז דער ערד (המעוללים בעפר קרן שפתנו ומכפישים אותה באפר — „דבר יום ביומו", ז. 168).

די העברעאישע ליטעראַטור איז פאַר י. ל. גאָרדאָן געווען נישט נאָר אַ לעבנס־וועג, נאָר, דער עיקר, אַ געליבטע וואָס האָט אים באַגלייט אין דער יוגנט און אויף דער עלטער. צוויי מאָל אין זיינע לידער דעקלאַרירט ער זיין צוגעבונדנקייט צו העברעאיש:

עבד לעברית אנכי עד נצח
לה כל חושי בי לצמיתות מכרתי.

אדמתה אעבוד וביזע על מצח
ובגינה גם אל פרחים קצרתי.

אין אַ פּראָזאַאישער איבערזעצונג:

אַ קנעכט צו העברעאיש בין איך אויף אייביק. / אויף אייביק האָב איך איר געווידמעט אַלע מיינע געפילן. / איר באָדן באַאַרבעט איך און מיט שווייס אויפן שטערן / און אין איר גאָרטן האָב איך אויך בלומען געשניטן.

כאָטש י. ל. גאָרדאָן האָט אַ געפיל פון באַגייסטערונג פאַר העברעאיש, פילט ער אויך די איינזאַמקייט וואָס רוקט זיך אָן, ווייל אַ סך אידן, די אינטעלעקטועלע שיכטן צווישן זיי, גייען איבער צו די לאַנדס־שפּראַכן און דער אַלטער דור האָט מורא פאַר די נייע שטראָמען צווישן דער יוגנט, באַטראַכט זייער שרייבן העברעאיש פאַר אַפּיקורסות און וויל דערפאַר אין זייערע שריפטן ניט אַריינקוקן:

מה ישעי, מה חפצי ולמי אעמולה / הורי — במליצה ושיר לא יחפצו, / אחי ובני חטאו לשאולה: / את עמם עזבו ושפתו ינאצו. / ולמי אשיר ומשל אמשלה? / הלשבלים בודדות בארצות נפצו?

(וואָס איז מיין האָפענונג און מיין פאַרלאַנג און פאַר וועמען איז מיין מי? / מיינע עלטערן ווילן ניט קיין מליצה און קיין ליד, / מיינע ברידער און קינדער האָבן שווער געזינדיקט: / זיי האָבן פאַרלאָזן זייער פאָלק און פון זיין לשון האָבן זיי זיך אָפּגעקערט. / איז פאַר וועמען זינג איך און שרייב מיינע משלים? / צי בלויז פאַר די עלנטע זאַנגען איבער די לענדער צעשפּרייטע?)

די רייד זיינען גערעדט געוואָרן אין יאָר 1857 אין רוסלאַנד און וועגן דער העברעאישער שפּראַך, און ווי מאָדנע היינטצייטיק זיי קלינגען אין אַמעריקע, אין דער אידישער שפּראַך, אין יאָר 1962!

אויף זיך אַליין האָט יהודה לייב גאָרדאָן געזאָגט:

„איך בין אַ מאָלער און האַלט אַ פּענזל אין האַנט, / וואָס איך זע מיט אָפענע אויגן / צייכן איך אויף אַ טאָוול מיט קרייט".

קיין מאָלער איז גראָד י. ל. גאָרדאָן ניט געווען. זיינע פּערסאָנאַזשן זיינען אַבסטראַקציעס און ניט קיין מענטשן פון בלוט און פלייש. ער איז אָבער געווען אַ ליריקער, מיט אַ טיפן אידיש־נאַציאָנאַלן געפיל. די תנ"כישע נאָכקלאַנגען אין זיינע לידער ווירקן נאָך עד היום און מען פילט אַ זיסקייט אין זיי. י. ל. גאָרדאָן, דער קעמפער קעגן דער פאַרגליווערטקייט פון אידישן לעבן פון זיין צייט און קעגן דער האַרבקייט פון אידישן דין („קוצו של יוד" און „שומרת יבם"), האָט אין דער הקדמה צו זיין „סידור בית יהודה" געשריבן: „דער דאַווגען מאַכט [פון] אַלע אידישע הערצער איין האַרץ און די גאַנצע נאַציאָן פאַר איין משפחה". דאָס וואַרעמע אידישע האַרץ פילט מען אין זיינע לידער און דאָס איז זייער צויבער. ער האָט דערפאַר געמעגט מיט אַזאַ זיכערקייט זאָגן, אַז זיינע ביכער זיינען זיין השארת הנפש.

גאָרדאָן האָט געהאַט אַן אייגענע אויפפאַסונג וועגן אידישן גורל אין דער וועלט, אַן אייגנאַרטיקע אידישע היסטאָריאָזאָפיע. ער איז געווען איבערצייגט, — און דאָס איז דער משכיל אין אים, — אַז דאָס גרויסע ליכט האָבן אידן געטראָגן מיט זיך אין דער תקופה פון בית ראשון ביז חורבן ירושלים דורך נבוכדנאצר. דאָס איז די תקופה פון אידישער מלוכהשאַפט, און די תקופה האָט געשאַפן דעם אידישן אייגנאַרט. ירמיהו איז געווען דער אָפּנויג, וואָס האָט, מיינט י. ל. גאָרדאָן, אַוועקגעשטעלט אידישקייט אויף פאַלשע רעלסן. ירמיהו האָט אַוועקגעשטעלט אויפן ערשט אָרט דאָס אָפּהיטן דינים און מצוות און פאַרשטופּט מלוכהשאַפט אין אַ ווינקל. עזרא, נחמיה, סנהדרין, פּרושים זיינען געווען די נאָכפאָלגער פון ירמיהו. זיי האָבן גע־



פירט דאָס אידנטום מקריב צו זיין די רעאַלע וועלטלעכע אינטערעסן פאַר רעליגיעזע צילן. ממילא האָט מען ניט געלייגט קיין אַכט אויף שטאַרקן דעם מיליטערישן כוח פון פאָלק. דאָס האָט געבראַכט צום חורבן בית שני.

שילדערנדיק די באַלאַגערונג פון ירושלים דורך די רוימער, שרייבט ער:

„מען האָט דיך געלערנט היטן גייסט, אַקערן שטיין / זיפּן וואַסער דורך אַ זיפּ, דרעשן שטרוי".

ליטעראַטור, לויט גאָרדאָנען, דאַרף דערגיין צו די גרונט־פּראָבלעמען פון אידישן היסטאָרישן גאַנג. זיינען ניט וויכטיק דעריבער די איינציקע כאַראַקטערן פון יחידים. וויכטיק זיינען די אידייען וואָס מען פאַרשפּרייט אין פאָלק, און דאָס האָט ער געפּרואווט טאָן אין זיינע ווערק.

דריי הויפּט־טעמעס באַהאַנדלט י. ל. גאָרדאָן: א) מלוכה און רעליגיע, מלוכה און יחידישע שטרעבונגען; ב) סאָלידאַריטעט, קרבן גרייטקייט און צניעות ביי אידן; ג) די נויטווענדיקייט פון רעליגיעזע רעפאָרמען און אָפּשוואַכונג פון די חומרות פון דער הלכה.

צוויי פּאָעמעס גאָרדאָנס זיינען געווען זייער פּאָפּולער, מען האָט זיי געלערנט אין אַלע שולן: „בין שני אַריות" (צווישן די ציינער פון לייבן) און „קוצו של יוד". ניט אין סטיל, ניט אין פּאָעטישער אָנשטרענגונג, ניט אין קינסטלערישער דערגרייכונג און ניט אין טעמאַטיק האָבן די צוויי פּאָעמעס אַ שייכות צווישן זיך, און דאָך האָבן זיי אַ געמיינזאַמקייט און ברענגען אַרויס גאָרדאָנס דיכטערישן וועג. איןביידע איז דאָ דער פּראָטעסט קעגן דער פאַרגליווערטקייט פון דינים וואָס פּאַסן זיך ניט צו צו די ענדערונגען וואָס קומען פאָר אין לעבן.

„בין שני אַריות" איז אַ היסטאָרישע טעמע וועגן פאַלן פון ירושלים, פון חורבן בית שני. יל"ג שילדערט דעם צושטאַנד פון דער שטאָט אין באַלאַגערונג:

„פון דרויסן רויבט דער שונא און די שווערד ברענגט אום, / ער צעשטערט די שוץ־מויערן און לעכערט דורך די ווענט; / הונגער און קלאָג און צאַנקעריי אינעווייניק — / איז נאָך פאַראַן אַ האָפענונג צו ראַטעווען די שטאָט?"

אין די פיר שורות (אין פּראָזאַאישער איבערזעצונג) דערפילט מען דעם צושטאַנד פון אַ שטאָט וואָס איז באַלאַגערט און וואָס אינעווייניקסטע רייסערייען ווירקן אויף אָפּשוואַכן די באַשיצער. אין העברעאישן טעקסט זיינען די שורות אויסגעהאַמערט אין אַ שנעלן ריטם און ברענגען אַרויס דעם דורכאויסיקן פּחד. אמת, דער משכיל אין גאָרדאָנען מישט זיך אַריין און ווערט אַ צד אין קאַמף. ער טרעט אַרויס קעגן די פּרושים, וואָס האָבן געזוכט אויסצופאָרמירן אַ אידישע גייסטיקע איינהייט און ניט געוואָלט שטעלן דעם אידישן קיום אויף דער צופעליקייט פון מיליטערישע מפּלות אָדער נצחונות. גאָרדאָן האַלט, אַז דאָס איז געווען אַן אומגליק פאַרן פאָלק, ווייל מען האָט זיך ניט צוגעגרייט מיט גענוג געווער און מיט מיליטערישער אויסאיבונג פון דער יוגנט. גייסט האָט צוגערויבט דעם כוח.

דער סיפור המעשה איז אַזאַ: שמעון, אַ קעמפער קעגן די רוימער, איז געקומען אַהיים צו זיין געליבטער מרתה (מאַרסאַ) נאָכדעם ווי ער איז פאַרוואונדעט געוואָרן אין שלאַכט. ער ווערט געזונט און קערט זיך צוריק צו פאַרטיידיקן ירושלים קעגן די רוימער. ירושלים פאַלט, און שמעון ווערט געפאַנגען. ווי אַ קריגס־געפאַנגענער באַשטראָפט מען אים צו זיין אַ גלאַדיאַטאָר וואָס זאָל זיך ראַנגלען מיט אַ לייב. ער פאַרוואונדעט דעם לייב, אָבער באַוויזט ניט אים צו טויטן. די חיה וואַרפט זיך אויף אים און צע־

רייסט אים. צווישן די צושויער האָט זיך געפונען מרתה, וואָס איז פאַרקויפט געוואָרן פאַר אַ דינסט צו דער מאַטראָנע אַגריפּינה און האָט זי באַגלייט צוזאַמען מיט אַנדערע דינסטן צו דער לייבן־שפּיל. ווען מרתה האָט דערזען איר שמעונען טויט פאַלט זי אין אָנמאַכט און שטאַרבט.

הנה תקותך, שמעון, הנה היא באה :
הנה מרתה תמתך לחופש יצאה.

(דיין האָפענונג, שמעון, איז פאַרווירקלעכט : / דיין געליבטע מרתה איז איצט פריי !)

די פּאָעמע האָט אין זיך אי פּראָטעסט, אי ביטערע סאַטירע, אי רעוואָלט און אויך נאַציאָנאַלן וויי־געשריי. און כאָטש עס זיינען ניטאָ קיין בולט־געצייכנטע פיגורן אין דער פּאָעמע, סיי שמעון, סיי מרתה און סיי די מאַטראָנע אַגריפּינה זיינען סימבאָלן, ניט קיין געשטאַלטן, דאָך איז אין דער פּאָעמע פאַראַן ירושלים ערב דעם צוזאַמענברוך, רוים מיט אירע מנהגים און ווילדע פאַרוויילונגען פון צוקוקן זיך צום געראַנגל פון מענטש און חיה, און די מאַטראָנע וואָס קומט אַראָפּ צוזאַמען מיט די דינסטן צום ספּעקטאַקל. די גרויליקע דערפאַרונגען פון אונזער צייט האָבן פאַרשאַרפט אונזער געפיל אויף אויפנעמען די פּאָעמע פון חורבן ירושלים און מענטשלעכע אַכזריותן.

אַנדערש איז מיט „קוצו של יוד״. עס איז אַ משכילישע פּאָעמע דורך־און־דורך. עס איז דאָ אין דער פּאָעמע שפּראַכלעכער אויפטו, מיט לשון נופל על לשון, אָבער עס איז אַן אויסגעטראַכטע אידישע וועלט, אַרויסגעדרונגען פון אַ פּסוק אָדער אַ מימרא. עס איז ניט קיין שילדערונג פון לעבעדיקן לעבן פון זיין צייט. אונזערע מאַמעס און באָבעס האָבן ווייט ניט געהאַט אַזאַ נידעריקן סטאַטוס אין דער משפּחה ווי עס וויל אונז מאַכן גלויבן יל״ג. „תורה איז פאַר דיר נאַרישקייטן, וויסן — אַ חסרון. / דיין קול איז ערווה און דיינע האָר איז מיאוס״. פאָרמעל גענומען, לויט דער הלכה, איז דאָס אפשר אמת, אָבער פּאַקטיש איז די לאַגע פון דער פרוי אין דער אידישער פאַמיליע געווען גאָר אַן אַנדערע. אונזער משפּחהדיקייט האָט געהאַט אַנדערע מאָסן ווי תורהדיקע לעגאַליטעט — שלום־בית, כיבוד־אם, עקרת־הביתדיקייט. נעמען חליצה און זיין אַן עגונה איז געווען דער אויסנאַם, און דאָס איז די טעמע פון „קוצו של יוד״. נאַטירלעך קען דינען דער אויסנאַמס־פאַל פאַר אַ טעמע פון אַ ווערק, אָבער מען מוז עס געבן ווי אַן אויסנאַם, און עס נויטיקט זיך פּסיכאָלאָגישע אויפקלערונג, וואָס עס פעלט אין „קוצו של יוד״.

בלויז די נעמען פון די העלדן אין „קוצו של יוד״ ווייזן ווי אָפּגעריסן פון דער ווירקלעכקייט די פּאָעמע איז. די העלדין הייסט בת־שוע. איר טאַטע איז חפר, די שטאָט איז אילון, דער טאַטע פון חתן הייסט עבדון און שטאַמט פון דאָרף פּרעתון. דער איינציקער לייטישער נאָמען איז הלל.

בת־שוע, אַ מיידל פון פופצן יאָר, ווערט פאַרקנסט צו אַ בחור הלל, אַ וואויל־לערנער. די כלה איז געראָטן און שיין, אַזוי שיין, אַז „ווער עס האָט ניט געזען בת־שוע האָט קיין שיינהייט אין לעבן ניט געזען״. דער חתן איז דאַר און קוואַר מיט קעלבערנע אויגן. ער האַלט אָבער אַ גוטע דרשה און חפר נעמט אים פאַר אַן איידעם פאַר זיין איינציקער טאָכטער. צו זיבעצן יאָר ווערט בת־שוע הללס ווייב, און צו אַכצן ווערט זי אַ מאַמע. חפר איז אַ איד אַ גביר, ער האַלט די פּאָטשט און האָט אַ גרויסע אַכסניה. בויט מען אויס אַ באַן און חפר ווערט פאַראָרעמט. הלל, וואָס איז געזעסן ביים שווער אויף קעסט, ווערט אויס קעסט־קינד. ער לאָזט זיך אַוועק איבער דער וועלט



זוכן פּרנסה. ער דערגייט ביז לאָנדאָן און פאַרגעסט אין ווייב און קינד. בת־שוע ווערט אַן עגונה. אין שטעטל קומט אַ יונגערמאַן, אַ משכיל, וואָס איז אונטערנעמעריש און אַרבעט ביי די באַנען. ער פאַרליבט זיך אין דער בת־שוע און וויל מיט איר חתונה האָבן. דער יונגערמאַן האָט פאַרבינדונגען מיט לאָנדאָן און קריגט אַרויס פון הללן אַ גט פאַר בת־שוע. אָבער דער רב מאַכט פּסול דעם גט ווייל הלל איז געשריבן אָן אַ יוד. אויס מיטן גט, און די פרוי בלייבט אַן אייביקע עגונה.

כאָטש די מענטשן אין דער פּאָעמע און די סיטואַציעס זיינען אויסגעטראַכט, אָדער איבערטריבן, איז אין דער פּאָעמע פאַראַן אַ שילדערונג פון אידישן שטייגער, דער איבערברוך אין אידישע פּרנסות, דער עקאָנאָמישער אויפשטייג אין רוסלאַנד וואָס שטויסט אַרויס אידן פון זייערע באַשעפטיקונגען. די פּאָעמע ברענגט אויך אַרויס דעם נייעם טיפּ אידן, דעם משכיל, און דעם האַלב־אַסימילירטן, דעם „פּאָדריאַטשיק״, און דעם אויפזעער איבער דער בויאונג פון באַנען אין רוסלאַנד. די פּאָעמע דריקט אויס אַ שטאַרקן געפיל פון פּראָטעסט קעגן פאַרגליווערטע אידישע דינים, וואָס שטימען ניט מיט די געענדערטע באַדינגונגען. דער אינעווייניקסטער רעוואָלט וואָס אין יל״גס שורות האָט אימפּאָנירט זיין דור. מיט אַלע חסרונות איז עס אַ ווערק וואָס האָט אַ קערעווע געטאָן די ליטעראַטור ביי אידן מיט אַן אימפּעט וואָס איז ביז אים ניט געווען.

אויך „שומרת יבם״ (אַ פרוי וואָס דאַרף נעמען חליצה) איז אַ משכילישע פּאָעמע. די טעמע איז דער ביטערער גורל פון דער פרוי ביי אידן. אָבער גראָד אין דער פּאָעמע ברענגט גאָרדאָן אַרויס די איבערגעגעבנקייט און ליבשאַפט פון דער אידישער פרוי צום מאַן. נישט קיין אונטערטעניקייט, נאָר ליבשאַפט. עס איז דער שלום־בית־מאָטיוו פון דער אידישער משפּחה. אין דעם זין איז ער אַ פאָרלויפער פון י. ל. פּרץ און זיינע פאָלקסטימלעכע געשיכטן. גאָרדאָן איז טאַקע אויסן געווען צו שילדערן דעם ביטערן גורל פון דער אידישער פרוי, אָבער דער דיכטער אין אים האָט אַרויסגעבראַכט דעם שלום־בית ביי אידן. עס איז דער ויתרוצצו פון דעם דיכטער און דעם רעפאָרמער, צווישן דעם רעוואָלוציאָנער און דעם קינסטלער.

ביבלישע געשטאַלטן האָבן געוועקט דעם דיכטערישן נייגער פון י. ל. גאָרדאָן. אין זיי האָט ער זיך געפונען. זיבן פּאָעמעס האָט ער געשריבן מיט אַ ביבלישן אינהאַלט. די גרעסטע פון זיי איז „מיכל און דוד״, אַ פּאָעמע פון צוועלף קאַפּיטלען, אָדער צוועלף גרויסע שירים. די קירצסטע — איז „צדקיהו בבית הפקודות״ (צדקיהו אין תפיסה). כאָטש די צוויי פּאָעמעס זיינען זייער ווייט אין זייער צייט־אָפּשניט : דוד — דער גרינדער פון דער דוד־דינאַסטיע (בית־דוד) און דער גרונטפעסטיקער פון דער מלוכה, און צדקיהו — דער לעצטער פון בית־דוד וואָס ווערט גענומען אין געפאַנגענשאַפט דורך בבל ; אין „מיכל און דוד״ איז דער געראַנגל צווישן ליבע און מלוכה־אינטערעס, אין „צדקיהו בבית הפקודות״ איז דער געראַנגל צווישן רעליגיעזן שטייגער (ירמיהו) און שטאַטלעכקייט, האָבן זיי דאָך אַ בשותפותדיקן שטריך : אין ביידע פּאָעמעס איז גאָרדאָנס סימפּאַטיע אויף דער זייט פון די וואָס קעמפן פאַר די רעאַלע אינטערעסן פון דער מלוכה, וואָס צוליב זיי דאַרפן אויפגעגעבן ווערן סיי פּערזענלעכע באַגערן (ליבע), און סיי רעליגיעזע איבערצייגונגען און גלויבונגען. די ערשטע טוגונט איז מלוכה און אירע צילן — דאָס איז י. ל. גאָרדאָנס אויפפאַסונג.

אין „מיכל און דוד" זיינען די היסטאָרישע געשעענישן אַ פּאָן, אַ הינטערגרונט פאַר דער ליבע צווישן מיכל און דוד. מיכל איז דעם קעניג שאולס טאָכטער און דוד אַ פּאַסטעך פון די נידעריקע שיכטן פון פאָלק. מיכלס ליבע צו דודן איז דער חידוש. גאָרדאָן שילדערט מיכלן מיט שיר־השירימדיקער איבערטרייבונג און אויסגעחלומטער שלמות פון שיינקייט:

גנאָד ווי פרימאָרגן־וואָלקן האָט באַלויכטן איר געשטאַלט,
נשמה־תמימות האָט געגעסטיקט אין קנייטש פון איר באַק,
ווי העלפאַנטביין איר האַלז,
ווי מירמלשטיין די אַקסלען.

דער אופן פון שילדערן טראָגט אונז אַריבער אין אַ וועלט פון טרוים און לעגענדע. איבער דער געשטאַלט פון מיכל הויערט אַ טוי פון וואונדער־מעשה. די שענסטע פון די פרויען וואָס שרים און פּרינצן ציען זיך צו שאולס הויז ווי „אַ שטראָם וואַסער וואָס ברעכט די שליוזן" כדי אָנצוקוקן זי, — דווקא אָט די מיכל פאַרליבט זיך אין פּאַסטעך דוד, ווען ער קומט צו צו שאולן אויף צו זיין דער האַרפן־שפּילער אויף פאַרטרייבן פון אים די מרה־שחורה. עס איז אַן אייגנאַרטיקער קינסטלערישער מעטאָד אויף אָפּשפּיגלען אידישע עמאָציאָנעל־פּאַרהייליקטע באַציאונג צו יענער תקופה, די תקופה פון „דוד מלך ישראל חי וקים". עס האָט צו טאָן מיט פאָלקס־בענקעניש צו אַ תקופה ווען אידישע מלוכהשאַפט האָט זיך פאָרמירט. אָט־די בענקעניש איז דאָ אין דער פּאָעמע „מיכל און דוד". חלום מוז אָבער האָבן אָנהאַלט אין דערווירקלעכקייט. ברעכט יל״ג איבער די שטימונג פון חלום און גייט אַריין אין אַ רעאַלער וועלט.

דוד הרועה בן איש מבית לחם,
נער אדמוני ויפה גם עינים,
מקלו בימינו, ילקוטו על שכם,
בא ביתה מלך — קורא משמים.

(דוד דער פּאַסטוך, אַ זון פון אַן איינוואוינער פון בית לחם,/ אַ רויט אינגל מיט שיינע אויגן,/ זיין שטעקן אין האַנט, זיין טאָרבע אויפן אַקסל,/ איז געקומען אין מלכס הויז — געשיקט פון גאָט.)

דער „געשיקט פון גאָט" איז דער פאַרבינדונגס־וואָרט וואָס שליסט צוזאַמען דעם חלום מיט דער וואָר. דער דיכטערישער חוש האָט געפירט דעם דיכטער צו לייגן אַ בריק צווישן חלום און וואָר דורך אַריינפירן געט־לעכע באַשערטקייט אין דער רעאַלער שילדערונג פון פּאַסטעך דוד וואָס קומט אין קעניגלעכן הויז. דער תנ״ך גיט די געטלעכע באַשערטקייט. דודס קומען צו שאולן איז פון גאָט באַשטימט געוואָרן כדי דוד זאָל זיך לערנען מלוכה־פירונג אין קענגילעכן הויז. אין גאָרדאָנס פּאָעמע איז עס די בריק צווישן פאַנטאַסטיק און רעאַליטעט.

מיכל פאַרליבט זיך אין דעם פּאַסטעך דוד. זי באַמוטיקט אים צו העלדן־טאַטן. זי באַוועגט אים צום קאַמף מיט די פלישתים. אונטער איר השפעה הרגעט ער די צוויי הונדערט פלישתים און שאול גיט אים דאָן מיכלן פאַר אַ ווייב. און אַז דער קעניג וויל אומברענגען דודן, ראַטעוועט אים מיכל פון טאַטנס הענט. מיכל איז אַ פאַרליבטע פרוי און ניט מער. דוד ווערט אָבער אַן איש־מלחמה און דער יורש פון טראָן, ווען שאול און זיינע זין פאַלן אויפן שלאַכט־פעלד אין די הרי־גלבוע. דוד באַזיגט די



פלישתים און טראָגט איבער זיין הויפּט־שטאָט קיין ירושלים. דער געוועזע־נער פּאַסטעך ווערט אַ מלוכה־מאַן, וואָס זאָרגט פאַר דער עקזיסטענץ פון זיין מלוכה. די זיכערקייט פון דער מלוכה ווערט צונויפגעוואָקסן מיט די־נאַסטישע צילן, מיט דעם בית־דוד. מיכל איז אָבער אַן עקרה און אָן אַ יורש איז ניטאָ קיין בית־דוד. ליבע און מלוכה־אינטערעסן קומען אין קאָנפליקט. דער צוזאַמענשטויס קומט פאָר בעת דער פייערונג פון ברענגען גאָטס אָרון קיין ירושלים. עס נעמט אָן די פאָרמע פון אַ ווידערשטאַנד צווישן דער פּרינצעסין וואָס איז געוואוינט צום קעניגלעכן עטיקעט און דעם פּאַסטעך־מלך, וואָס איז אויסגעמישט מיטן פאָלק; מיכל האַלט נאָך אָן איר געוואוינהייט פון לערנען דודן ווי אַ מלך דאַרף זיך פירן, ווי זי האָט פריער אים געלערנט ווי צו ווערן אַ קריגס־פירער. אָבער דוד איז איצט מלך. ער מאַכט אַוועק מיט דער האַנט אירע עצות, בפרט נאָך אַז מיכל האָט ניט קיין קינדער און דוד איז באַזאָרגט מיט איינפעסטיקן דעם בית־דוד, אַ יורש נאָך זיך. מיכל פאַרלאָזט ירושלים, קערט זיך צוריק אין אַלטן פּאַלאַץ פון שאולן אין גבע. זי לעבט מיט איר ליבע, און דוד — מיט די מלוכה־אינטערעסן. די פּאָעמע פאַרענדיקט זיך באַלאַדע־אַרטיק: ווען עס שטאַרבט דוד בלייבט זיין האַרפע שפּילן מיט דער באַרירונג פון די ווינטן. מיכל שטאַרבט דעם זעלביקן טאָג. איר אָרון ווערט געשניצט פון דעם בוים וואָס אונטער אים האָט זי געשוואָרן ליבע צו דודן. און דודס האַרפע — דער ווינט קומט ניט מער און זי בלייבט שטיל אויף אייביק. די האַרפע איז דער סימבאָל פון אויסגעלאָשענער ליבע, וואָס מלוכה־פּאָליטיק האָט פאַרשטומט.

אין „מיכל און דוד" שפּילט אַ האַרפע — י. ל. גאָרדאָנס האַרפע. די תנ״ך־דערציילונגען זיינען אַ קאַנווע אויף אויסכישופן אַ צויבער־מעשה. עס איז דאָ אין דער פּאָעמע אַן אויסגעחלומטע ארץ־ישראל־לאַנדשאַפט מיט וועלדער און טייכן און מיט פלישתים־מלחמות. עס איז פאַראַן דאָרט אַ אידיש־ליריש געמיט, וואָס בינדט צוזאַמען די געשטאַלט דוד, דעם קעניג־קריגער, מיט דער אויסגעבענקטער געשטאַלט דוד, דעם קעניג־זינגער, און איבער דעם שוועבט די פאַרוואָלקנטע געשטאַלט פון מיכל, ווי די פאַר־קערפּערונג פון ליבע. גאָרדאָן האָט געקענט נעמען אַ אידישע נאָטע, וואָס צייט און ענדערונגען פון געמיט קענען ניט אָפּשוואַכן דעם גענוס וואָס מיר האָבן ביים לייענען די פּאָעמע.

די פּאָעמע „צדקיהו בבית הפקודות" איז אַן איוב־געשריי. דער תנ״ך דערציילט, אַז צדקיהון האָט מען געפאַנגען, געשחטן זיינע קינדער פאַר אים אין די אויגן, און דערנאָך האָט מען אים די אויגן אויסגעשטאָכן, אַריינגע־וואָרפן אין אַ גרוב אַ געשמידטן אין קייטן, אים געגעבן ווייניק ברויט און קנאַפּ וואַסער. גאָרדאָן גיט די טענות וואָס צדקיהו האָט צום רבונו של עולם: פאַרוואָס קומט אים אַזאַ שטראָף? איז דאָס דען אַן עוולה צו וועלן באַפרייען די אידן פון בבלישן יאָך? און וואָס האָט פאַרלאַנגט ירמיהו? ער האָט פאַרלאַנגט ניט צו טראָגן קיין משא אום שבת. איז מעגלעך אין באַלאַגערונג אָפּצוהיטן די חומרות? ירמיהו וויל מען זאָל לערנען די תורה און היטן אירע געבאָטן. קען מען לעבן אַז דאָס גאַנצע פאָלק זאָל זיין אַ פאָלק פון תורה און פון גאָט? ווער וועט זייען, ווער וועט שמידן געווער און ווער וועט פאַרטיידיקן דאָס לאַנד?

י. ל. גאָרדאָנס אויפפאַסונג איז געווען, אַז עס איז אַ לאַנגאָניקער קאַמף

ביי אידן צווישן די פאַרשטייער פון שטאַטלעכקייט און די אָנהענגער פון רעלי־גיעזקייט. אַזאַ איז געווען דער קאַמף צווישן שאול המלך און שמואל הנביא, צווישן צדקיהו און ירמיהו, און אַזאַ איז אויך דער קאַמף צווישן דער השכלה און די רבנים. די וועלטלעכע פירער זוכן צוצופאַסן זיך צו די באַדערפענישן פון לעבן און די פאַרשטייער פון דער רעליגיע ווילן אויפגעבן די ערדישע נויטן פאַר דער אידייע פון „עם קדוש“.

אַקטיווער קידוש השם, צניעות און זעלבסט־אָפּפערונג אויף ראַטעווען אידן איז די פּאָעמע „במצולות ים“. אין דער פּאָעמע איז דאָ אַ געקלאָג אויפן אידישן גורל, און אַ פּראָטעסט קעגן גאָט, און קעגן סדר העולם:

עין רואה קץ כל בשר, סוף אלפי אלף
ומעולם לא הרידה דמעה אַף דלף.

(דאָס אויג וואָס זעט דעם סוף פון אַלץ וואָס לעבט, דעם סוף פון די סופן / האָט קיינמאָל אַפילו קיין טראָפּן טרער ניט געלאָזט).

ס'איז אַן אויסגעשריי קעגן טויזנטיעריקע רדיפות אויף אידן, און די הימלען זיינען הימלען און די ערד איז נאָך אַלץ ערד.

די טעמע פון „במצולות ים“ איז גירוש ספרד. אידן ראַטעווען זיך אויף אַ שיף. צווישן זיי אַ מוטער און אַ טאָכטער, פנינה. פנינהס מאַן האָט מען פאַרברענט אויפן שייטערהויפן. דער קאַפּיטאַן פאַרליבט זיך אין פנינהן, פאַרלאַנגט אַז זי זאָל מיט אים חתונה האָבן, און אויב ניט וועט ער זי אומ־ברענגען צוזאַמען מיט אַלע אידן. פנינה זאָגט אים צו צו טאָן זיין פאַרלאַנג אויב ער וועט די אידן ברענגען צו אַ רואיקן ברעג. די אידן ווערן געראַ־טעוועט און געבראַכט צו אַ ישוב. פנינה און איר מוטער וואַרפן זיך אין ים אַריין, כדי אויסגעלייזט צו ווערן פון קאַפּיטאַן:

טוב לי כי אמות וכבודי לא חללתי,
וכבת יפתח במותי את עמי הצלתי.

(בעסער צו שטאַרבן און ניט פאַרשוועכן מיין ערע, / און ווי יפתחס טאָכטער אָפּ־געבן דאָס לעבן פאַר מיין פאָלק).

י. ל. גאָרדאָן פאַרבינדט דעם לעצטן קרבן מיט אידישער געשיכט־לעכער קרבנות־גרייטקייט פאַרן פאָלק און מיט געשיכטלעך־באַוואוסטזי־ניקן טאַט פון קידוש־השם, און ער ברענגט דעריבער דעם אויסדרוק „ווי יפתחס טאָכטער“.

י. ל. גאָרדאָן האָט אַריינגעפירט די היסטאָרישע פּאָעמע אין דער מאָ־דערנער ליטעראַטור. מיט זיין גאַנצער באַרעדעוודיקייט און איבערטרייבונג, האָט ער געהאַט אַן אייגענעם צוגאַנג צו דער תנ"כישער טעמע. ער האָט אַריינגעפירט דעם באַגריף פון „אין השיר יוצא מידי אַגדה ודרוש“ — דאָס ליד איז אינטערפּרעטאַציע און טרוים. י. ל. גאָרדאָן האָט פּראָקלאַמירט די פרייקייט פון דיכטערישער פאַנטאַזיע אַפילו אין אַ תנ"כישער טעמע. ער איז געווען אַ מחדש.



רחל ה. קאַרן

# צוויי לידער

## האַרבסט

דעם טרוים פון ביימער האָבן פייגל מיטגענומען
ערגעץ אין אַ ווייטן, דרומדיקן לאַנד,
זיך אויפגעהויבן פלוצעם און די לופט באַפּינטלט,
ווי שטיינדעלעך צעוואָרפענע פון כביכולס האַנט.

און באַלד — זיי פליען שוין מיט זייערע קאַפּיטאַנען,
אויסגעפורעמט אין אַ סגל, דלד, אָדער גימל,
ווי אַ טונקעלער כתב דורך בענקשאַפטן געלאָזן
אינעם לוח פון דעם חשוונדיקן הימל.

דעם טרוים פון ביימער האָבן פייגל מיטגענומען,
און אין זייערע האַרטע, מאָכבאַוואַקסענע קאַרבן,
ווי אין רונצלען טיפע בלויז געלאָזט דעם טרויער,
וואָס וואַרט אויף מיר — איך זאָל אים קומען אַרבן.

## לייג צו דאָס וואָרט צו מיינע ליפּן

לייג צו דאָס וואָרט צו מיינע ליפּן,
ווי אַ חתימה צום פאַרענדיקטן כתב,
און שיק מיך — וואוהין? כ'ווייס אַליין נישט —
ווער וואַרט דען, חוץ טונקעלער טראַף?

איך בין שוין געזאַלבט מיט טרויער,
ווי די מלכה פון אייביקער נאַכט,
וואָס ווייסט נישט, צי זי איז אַ חלום,
צי ס'האָט זי בלויז ווער אויסגעטראַכט.

און אפשר איז זי בלויז געוואָרן
אַ פאַנט אינעם גורלס הענט,
אין קאָן איינגעשטעלט און פאַרשפּילט זי
צום הפקר, צום ווינט, צו דער פרעמד?

לייג צו דאָס וואָרט צו מיינע ליפּן
און פיר מיך, ווי אַ קינד ביי דער האַנט
צו דער גרענעץ געווירעט דורך טרערן,
דער גרענעץ ביים נאַכטישן לאַנד.

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

# דער קלעזמער שלום־שאַ

הענאָכן און זיין גאַנצע משפחה האָט מען אין שטאָט גערופן „די ראָזשינקעלעך". ער האָט געהאַט אַ קראָם פון געטריקנטע פרוכט פון די וואַרעמע לענדער, טייטלען, פייגן, ראָזשינקעס, מאַנדלען, פאַרשיידענע געווירצן און ווייַנען. ווינטער האָט מען ביי אים געקענט קריגן אַפילו כאַלוואַ. עס איז געווען אַ קראָם וואו נאָר רייכע מענטשן פון דער שטאָט און פון דער אַרומיקער געגנט פלעגן אַריינקומען. אין קראָם און אין שטוב ביי אים האָט געשמעקט פון דעם ווייַן וואָס ער פלעגט פאַרקויפן אויף דער קוואַרט, און פון די קעסטלעך אויסלענדישע פרוכטן.

הענאָכס ווייב, זאַלמע (אַ נאָמען נאָך איר זיידן זלמן וואָס ער האָט קיין מזל ניט געהאַט צו קיין אייניקלעך־זכרים) האָט אַפילו אינדערוואָכן געטראָגן אַ שפּיץ־טיכל אויפן קאָפּ, פאַרשפּיליעט מיט צוויי זילבערנע קלאַמערלעך ביי די אויערן. זי האָט אויסגעזען פּריציש. לעבן דער טיר פון זייער הויז איז זומער און ווינטער געלעגן אַ שטרויענער טרעטער, ווינטער אויף אָפּקלאַפּן דעם שניי פון די פיס און זומער אויף אָפּווישן די בלאָטע אָדער דעם שטויב. אויף ביינאַכט האָט מען דעם טרעטער אַריינגענומען אין שטוב אַריין. זיבן אַזייגער אינדערפרי האָט אים הענאָך אַליין צוריק אַרויסגעטראָגן און אויסגעשפּרייט לעבן דער טיר.

די פיר טעכטער זייערע האָבן זיך געפּוצט ווי די מאַמע. זיי האָבן געהאַט בראַסלעטלעך פון ים־מושלעס, וואָס דער טאַטע האָט געבראַכט פאַר זיי פון דאַנציג, און די איינגסטע, מינדל, האָט געטראָגן אויפן האַלז אַ מעדאַליאָנטשיק מיט אַ פּאָרטרעט פון אַ שיפס־קאַפּיטאַן, וואָס איר טאַטע האָט געקראָגן אַ מתנה פון אַ סוחר צוזאַמען מיט אַ קעסטל פרוכט וואָס ער האָט ביי אים אויסגעשריבן פון דאַנציג. אין שטאָט האָט מען די מיידלעך גערופן „די פיר ראָזשינקעלעך" און צו יעדער איינער פון זיי האָט מען צוגעגעבן איר נאָמען: ציפּע פון די ראָזשינקעלעך, הינדע פון די ראָזשינקעלעך, חיה־איטקע פון די ראָזשינקעלעך און מינדל פון די ראָזשינקעלעך.

אַ וואָלקן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף הענאָכס שטוב ווען די איינגסטע טאָכטער, מינדל, זי איז אינגאַנצן אַלט געווען זעכצן יאָר, האָט זיך איינמאָל אויף אַ חתונה באַגעגנט מיטן קלעזמערס זון, שימשל. ער האָט געשפּילט מיט זיין טאַטנס קאַפּעליע אויפן פייפיאַל און זי, מינדל, האָט געטאַנצט מיט די מיידלעך. אין אַ צייט אַרום האָט מען געזען ווי מינדל איז געשטאַנען מיט שימשלען אויפן מאַרק לעבן אַ וואָגן און האָבן געפּלאַכטן בייטשלעך פון די פרישע היי.

אַז מען האָט עס דערציילט זאַלמען, איז זי בלייך געוואָרן. זי האָט זיך דערמאָנט אַז זי האָט טאַקע געזען אַ בייטשל פון פרישע היי זיך וואַלגערן אין שטוב, נאָר עס איז איר ניט איינגעפאַלן אַז דאָס בייטשל איז גאָר אַן אומגליק. זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן איבער דער שטוב, האָט אויפגעזוכט דאָס בייטשל פון היי, האָט עס צוגעטראָגן צום מאַן, און האָט אים וואָרט ביי וואָרט איבערדערציילט פונוואַנען דאָס בייטשל קומט צו זיי אין שטוב אַריין. הענאָך,



כאָטש ער האָט די מעשה אויסגעהערט גאַנץ געלאַסן, האָט ער פונדעסטוועגן אויף מאָרגן אינדערפרי פאַרגעסן אַרויסלייגן דעם טרעטער לעבן טיר פון זייער שטוב, און דאָס הויז זייערס האָט אויסגעזען נאַקעט, ווי אינעווייניק וואָלט עפּעס געשען וואָס האָט צוגענומען דעם פּוץ פון „די ראָזשינקעלעך".

הענאָך און זאַלמע האָבן לאַנג ניט געוואַרט, זיי האָבן אַריינגערופן מינדלען צו זיך אין קאַמער, האָבן פאַרשלאָסן די טיר, געהייסן מינדלען זיך זעצן און זיך אַליין אַוועקגעזעצט. די פייערלעכע צערעמאָניע האָט מינדלען אַזוי אויפגערודערט, אַז זי האָט זיך צעוויינט.

דער טאַטע, הענאַך, האָט גערעדט צו איר, אַז זי האָט דריי עלטערע שוועסטער און זי דאַרף דאָס געדענקען. דער קלעזמעריונג איז נישט איר גלייכן — און דאָס דאַרף זי אויך געדענקען, און אַז מען גייט אַוועק מיט קרומע וועגן איז דאָס גאַנצע לעבן פאַרשפּילט. און די מאַמע, זאַלמע, האָט איר געזאָגט, אַז שימשלס טאַטע, שלום־שאַ דער קלעזמער (אַזוי האָט מען שלום דעם קלעזמער גערופן אין שטאָט, ווייל איידער ער פלעגט אָנהויבן שפּילן אויף אַ חתונה, פלעגט ער אַ געשריי טאָן „שאַ", דערנאָך הייסן דעם פּויק אַ פּויק טאָן און דערנאָך אָנהויבן דעם ניגון), איז נישט דער געהעריקער מחותן פאַר זיי, און שימשל, וואָס זי, מינדל, האָט מיט אים געפלאָכטן די היי־בייטשלעך אויפן מאַרק, קען זיך פאַרקוקן אויף אַ דינסט־מויד אויך — „אַזוי איז שוין ביי די קלעזמערוקעס" — האָט זאַלמע געמוסרט דער טאָכטער.

מינדל האָט זיך צוגעהערט צו דער מאַמען און האָט געוויינט.

פון שלאָף־צימער איז מינדל אַרויס מיט רויטע, אָנגעוויינטע אויגן, און די שוועסטער אירע, וואָס זיינען געשטאַנען הינטער דער טיר, האָבן געקוקט אויף אירע פאַרוויינטע אויגן קאַלט און אָן רחמנות, און האָבן צו איר קיין וואָרט ניט אויסגערעדט.

מינדלען האָט עס פאַרדראָסן און זי האָט געזאָגט צו זיי:

— וואָס זיינט איר אָנגעבלאָזן? איך האָב ביי אייך אַוועקגעשאַרט דעם שניי פון אונטערן שליטן?

די שוועסטער האָבן זיך איבערגעקוקט און געשוויגן.

מינדל האָט זיך אַ סך מאָל אויסגעוויינט, אָבער מען האָט ווידער זי געזען גיין מיט שימשלען איבערן מאַרק. עס איז געווען אַ רעגן און שימשל האָט געטראָגן מינדלס שירעם אויפגעעפנט איבער זייערע ביידנס קעפּ. מען האָט געקוקט אויף זיי און זיך געוויצלט:

— אַנדערע שטייען אונטער דער חופּה, און זיי גייען אונטער אַ חופּה

— און מען האָט שטאַרק הנאה געהאַט וואָס „די ראָזשינקעלעך" פאַלן אַריין צו דער משפחה פון די קלעזמערוקעס.

זאַלמע איז איינמאָל, דער מאַן זאָל ניט וויסן, אַוועק צום קלעזמער שלום־שאַ שמועסן מיט אים, אַז ער זאָל ניט לאָזן שימשלען פאַרפירן איר טאָכטער. ווען זי איז געגאַנגען צום קלעזמער זיינען די פיס געווען ביי איר ווי קלעצער. זיי גייען און זיי גייען ניט. קוים זי שלעפּט זיי. זי האָט לאַנג געטראַכט וואָס אים צו זאָגן: ער געפעלט איר ניט פאַר אַ מחותן? שימשל געפעלט איר ניט פאַר אַן איידעם? מיט אויפגעקלעמטע ליפּן איז זי אַריין צום קלעזמער אין שטוב, און ווען ער וואָלט זי ניט באַגעגנט מיט אַ פריילעכן „גוט מאָרגן" און וואָלט איר באַלד ניט צוגעטראָגן אַ שטול אויף אַוועקזעצן זיך — וואָלט זי אַוועקגעפאַלן, אַזוי אָפּגעליימט האָט זי געפילט אירע פיס.

שלום־שאַ, פונקט ווי זיין זון שימשל, האָט געהאַט לענגלעכע ברוינע אויגן ווי געסמאַליעטע מאַנדלען. ווען זאַלמע איז אַריין האָבן די געסמאַליעטע מאַנדלען אַ שמייכל געטאָן צו איר אי ליבלעך, אי שפּאָטיש, אי שטיפעריש, ווי איר וויזיט וואָלט אים הנאָה געטאָן.

— אַזאַ כבוד, אַזאַ כבוד, — האָט ער איר געזאָגט — צו האָבן אייך פאַר אַ גאַסט ביי זיך אין שטוב, אַלץ איינס צוליב וואָס איר זיינט געקומען, אָבער עס איז אַ כבוד פאַר שלום דעם קלעזמער.

שלום דעם קלעזמערס באַגעגעניש האָט ביי זאַלמען אָפּגעווישט אַלע ווערטער פון דער צונג. זאַלמע האָט פאַרריכט דאָס שפּיצן־טיכעלע אויפן קאָפּ, האָט אָפּגעצויגן דעם אָטעם, האָט זיך אָנגענומען מיט כח און האָט געזאָגט:

— ר' שלום, איר זיינט אַן אידעלער איד, און איך האָב גאָרניט צו אייך, חלילה, נאָר פאַרוואָס זאָל אייער שימשל פאַרפירן מיין טאָכטער?

— נו, האָט איר דאָך צו מיר יאָ אַ טענה — האָט ער צו איר געזאָגט און האָט אויף איר געקוקט פון דער זייט מיט אַ האַלבן שמייכעלע, וואָס האָט איר שווער געמאַכט צו זאָגן נאָך עפּעס.

— אַוודאי אַ טענה... — האָט זי געזאָגט און האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

— ווילט איר מיך רופן צום רב? — האָט ער זי געפרעגט — איך בין אַ איד און אַז מען רופט מיך צום רב — גיי איך.

— וואָס עפּעס צום רב? איר האָט ביי מיר, חלילה, עפּעס צוגענומען? נאָר איך האָב דריי עלטערע טעכטער, מינדל איז די אינגסטע, וואָס האָט זיך שימשל צו איר צוגעטשעפּעט? עס פעלן מיידלעך אין שטאָט? צו וואָס דאַרף מען אונז מאַכן עגמת נפש און חרפּות, אַז עס וועט דאָך דערפון סיווי גאָרניט אַרויסקומען. רעדט מיט אייער שימשלען, זאָגט אים... ס'איז ניט קיין יושר.

שלום דער קלעזמער האָט צענומען די הענט אַזוי ברייט ווי ער האָט געקענט, ווי ער זאָל זיך קלייבן פליען, און אָט אַזוי שטייענדיק האָט ער געזאָגט צו איר:

— ווען איך וואָלט געווען אַ סטאָליער, אָדער ווען איך וואָלט געהאַנדלט מיט געטריקנטע שאר ירקות, אַזוי ווי ר' הענאָך — וואָלטן אייערע רייד געהאַט אַ האַפט, אָבער איך בין אַ קלעזמער, איר פאַרשטייט? איך פיר כלות צו דער חופּה. איך האָב שוין אָפּגעשפּילט אפשר פינף הונדערט כלות — שיינע, און אַביסל אָפּגעבליאַקעוועטע; כלות מיט אַ סך נדן, און כלות מיט פאַרנאַרטן נדן; מיידלעך פון גרויסן יחוס, און דינסט־מוידן, און יתומות — איך פיר אַלע כלות מיט דער זעלבער מוזיקע, גלויבט מיר, איך זאָג אייך בנאמנות, אַז אַלעמען פיר איך מיט דער זעלבער מוזיקע. און עס איז מיר אַלץ איינס. איך הער זיך צו — אַלע חתנים זאָגן דעם זעלבן „הרי אַת". און עס איז מיר גאָרניט קיין חילוק, צי מיין שימשל וועט גיין מיט אייער מינדלען צו דער חופּה, אָדער ער וועט גיין מיט אַן אַנדער מיידל. די איינציקע זאַך — אַז ער וועט גיין צו דער חופּה, צי מיט מינדלען, צי מיט אַן אַנדערער — וועל איך ברענגען אַ פרעמדע קאַפּעליע, זאָלן זיי שפּילן פאַר מיר! איך שפּיל און שפּיל פאַר אַלעמען — און קיינער האָט נאָך ניט געשפּילט פאַר מיר! און דאָס איז דער אונטערשייד צווישן אַ שניידער מיט אַ קלעזמער:



אַ שניידער נייט אַ בגד פאַר יענעם און פאַר זיך אַליין אויך, אָבער אַ קלעזמער קען ניט שפּילן פאַר זיך אַליין. אָט דאָס איז דער אונטערשייד! און אויב איר ווילט וויסן איז דאָס דער גאַנצער אונטערשייד! און ווייטער אַרט מיך גאָרניט.

אַ שרעק איז זאַלמען באַפאַלן פון דעם קלעזמערס רייד. ווען ער וואָלט זיך געקריגט מיט איר, אָדער ווען ער זידלט זי אויס און טרייבט זי אַרויס פון שטוב, וואָלט זי אַוועק אַהיים און וואָלט אויסגעפּאַטשט מינדלען. אָבער ער האָט איר געמאַכט הפקר אַ וועלט, יע־יע, ניט־ניט, עס אַרט אים ניט. ווען זי איז צוריקגעקומען אַהיים האָט זי געטראָפן מינדלען שטיין אויפן שטרויענעם טרעטערל לעבן דער טיר, ווי מינדל וואָלט געוואוסט וואוהין די מאַמע איז געגאַנגען און וואָלט געוואַרט אויף איר.

— דו וועסט שווימען אין אַ שיף אָן אַ רודער — האָט זאַלמע געזאָגט צו דער טאָכטער פאַרבייגייענדיק, און איז אַריין אין שטוב.

מינדל האָט אויסגעוויינט אַ קוואַל מיט טרערן און איז אַוועקגעפאָרן מיט שימשלען צו זיינעם אַ פעטער קיין אַמעריקע, כדי זי זאָל ניט שטערן אירע עלטערע שוועסטער טאָן שידוכים. אין אַ קליין שטעטל אויף דער גרענעץ האָט מען געמאַכט אַ „שטילע חתונה", מינדל פון „די ראָזשינקעלעך" די כלה, און שימשל דער קלעזמערוק דער חתן, אַ „הרי אַת", אַ לחיים און אָן קלעזמאָרים. שלום דער קלעזמער וואָס איז מיטגעפאָרן מיטן זון אויף פירן אים צו דער חופּה האָט געזאָגט:

— גראָד מיר איז באַשערט אַז מיין זון זאָל חתונה האָבן אָן קלעזמאָרים. טאַקע ווי די וועלט זאָגט: אַלע שוסטער גייען באָרוועס. — און אין זיינע שמייכלענדיקע מאַנדל־אויגן איז געווען פאַרדראָס און טרויער.

שימשלס פעטער, גדליה, האָט אין אַמעריקע געהאַנדלט מיט קינדער־שפּילעכלעך אויף דער איסט־סאַיד. ער האָט דאָס פּאָרל, מינדלען מיט שימשלען, אויפגענומען אָן זאָרג. ער האָט זיי אַריינגענומען צו זיך אין שטוב, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ יאַריד פון צאַצקעס. אויף די ווענט זיינען געהאָנגען פאַנאַנדערגעבלאָזענע שטויסן פון לופט־באַלאָנען, גרינע און געלע און רויטע און מאַראַנץ, ווי רעגנבויגנס זאָלן זיך דאָ פאַרזאַמלען, און פערדלעך מיט פאַרריסענע קאָפּיטעס און זילבערנע זאָטלען זיינען געשטאַנען אין אַלע ווינקלען פון שטוב.

דער פעטער, גדליה, איז געווען אַ צעטראָגענער איד, האָט זיך שטענדיק געאיילט, אַלץ באַזאָרגט, און נאָך יעדער אַרבעט וואָס ער האָט פאַרענדיקט האָט ער געזאָגט: „אָלרייט, אַ סוף!" ער האָט באַזאָרגט שימשלען מיט אַ קויש קינדער־שפּילעכלעך און האָט אים געזאָגט:

— שימשל, די גאַס איז דיינע. שפּיל אויף די פייפלעך, וועסטו האָבן קונים און דו וועסט האָבן ברויט מיט פּוטער.

שימשל האָט אָנגעהויבן פאַרקויפן שפּילעכלעך פאַר קינדער אויף דער גאַס. ער האָט אויסגעפייפט די ניגונים וואָס זיין טאַטע האָט געשפּילט אויף די חתונות. מענטשן זיינען געשטאַנען אַרום אים, זיך צוגעהערט צו די ניגונים פון דער אַלטער היים און מען האָט געקויפט זיינע צאַצקעס. שימשל האָט יעדן אויפדערנאַכט געבראַכט צו מינדלען אַ פּושקע קליינגעלט, אויסגעשאָטן די מטבעות אויפן טיש נישט געציילטערהייט און געזאָגט:

— נאַ, האָב.

איינמאָל אויפדערנאַכט איז שימשל געקומען, האָט אַוועקגעשטעלט אויפן טיש צוויי ליאַלקעס, איינע אַ געלע און איינע אַ גרינע, איינע אַ הויכע און איינע אַ גראָבע, איינע מיט אַ הויכן פעדער אין הוט און איינע מיט אַ קליין פעדערל אין הוט. אַז מינדל האָט דערזען די ליאַלקעס האָט זי זיך צעלאַכט. שימשל האָט צו איר געזאָגט:

— מיין טייערסטע מינדל! דו זעסט דעם צווילינג? זיי הייסן פיקי־שאַ און שיקי־שאַ. זיי זיינען ווערט אַ מיליאָן!

— וואָס עפּעס „שאַ״? — האָט מינדל געפרעגט. פיקי איז אַ נאָמען און שיקי איז אַ נאָמען, אָבער וואָס איז דער „שאַ״?

— „שאַ״, ווייסטו דאָך, איז מיין טאַטנס צונאָמעניש: ער וועט נאָך האָבן נחת פון דעם „שאַ״ — האָט שימשל געזאָגט און האָט זיך עטלעכע מאָל אַ דריי געטאָן איבער דער שטוב. ער האָט געשפּאַנט מיט ברייטע טריט און מינדלען האָט זיך געדאַכט, אַז ער צעשפּאַרט דעם צימער.

אין דריי יאָר אַרום האָט מינדל געשריבן אַ בריוו אַהיים: „מיינע פיל געליבטע עלטערן און שוועסטער, אַמעריקע איז אַ גאָלדן לאַנד, און מיר האָבן זיך ניט אויף וואָס צו באַקלאָגן, גאָט צו דאַנקען. אין אונזערע קראָמען, וואָס רופן זיך „פּיקי־שאַ״ און „שיקי־שאַ״ זיינען שפּיגלען ווענט, און אַז איך קום אַריין זע איך פון אַלע זייטן מיין ׳פּיקטשור׳. עס אַרבעטן ביי אונז לאַנדסלייט און מאַכן ביי אונז אַ פיין לעבן, קיין עין הרע. שימשל האָט אַרויסגעשיקט חנוכה־געלט פאַר אונזער בית־מדרש, פאַר דער תלמוד־תורה און פאַר הכנסת־כלה. ער האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל שרייבן אין זיין נאָמען, אַז זיי זאָלן דאָס געלט נוצן געזונט. שימשל איז, קיין עין הרע, אַן אָנגענומענער מענטש, און אַפילו רבנים קומען צו אונז״.

אין יעדער שטוב האָט מען געשמועסט וועגן דעם חנוכה־געלט וואָס איז אָנגעקומען פון שימשלען פון אַמעריקע: „עס איז שוין איינמאָל אַ חנוכה־געלט, עס קען סטייען ביז איבער אַ יאָר חנוכה״. און מען האָט צוגעגעבן: „די ראָזשינקעלעך האָבן געטאָן נישט קיין שלעכטן שידוך מיט ׳פּיקי־שאַ׳ און מיט ׳שיקי־שאַ׳! מען האָט שוין שלום־שאַ דעם קלעזמער געגעבן אַ שטאָט אין מזרח־וואַנט אין בית־מדרש. ער איז שוין מער יחסן ווי ׳די ראָזשינקעלעך׳ — הער אַ מעשה!״

זאַלמע מיטן שפּיצן־טיכעלע אויפן קאָפּ איז געגאַנגען צו איר מחותן, שלום־שאַ דעם קלעזמער, אויף איבערלייענען פאַר אים די גאָלדענע בריוו פון איר טאָכטער, מינדל. גייענדיק צו אים האָט זי געפילט די פיס ווי געליימטע. זיי גייען און זיי גייען ניט — זי שלעפּט זיי. און וואָס וועט זי אים זאָגן איר מחותן שלום־שאַ? אַז זי איז צופרידן פון שידוך? אַז זי האָט אַ גוטן איידעם? וואָס נענטער זי קומט צו צום מחותנס שטוב אַלץ שווערער ווערן ביי איר די פיס, און ווען ער וואָלט זי ניט באַגעגנט מיט אַ פריינדלעכן „גוטן מאָרגן, מחותנתטע״, און וואָלט איר באַלד ניט דערלאַנגט אַ שטול אויף אַוועקזעצן זיך, וואָלט זי אַוועקגעפאַלן.

שלום דער קלעזמער אין פוטערנע שטעק־שיך און אַ וואָלענעם שלאָפ־ראָק, וואָס ער טראָגט זינט דער זון איז רייך געוואָרן, הערט זיך צו צו זיין שנורס בריוו וואָס זאַלמע לייענט פאַר אים און קוקט אויף איר מיט אַ זיי־טיקן שמייכעלע פון זיינע לענגלעכע אויגן ווי אָפּגעסמאַליעטע מאַנדלען, און ווען זי ענדיקט לייענען זאָגט ער איר:



— מחותנתטע, איך האָב דאָס גאַנצע לעבן געשפּילט פאַר אַנדערע. אפשר פינף הונדערט כלות אויפגעשפּילט, מחותנים כלערליי. אַ ניגון צו דער חופה, אַ ניגון פאַרן מחותן, אַ ניגון פאַר דער מחותנתטע, אַ ניגון צו באַדעקנס, אַ ניגון צו דער וועטשערע, געשפּילט און געשפּילט פאַר גאָר דער וועלט. און פאַר מיר האָט קיינער ניט געשפּילט. איך האָב אייך דעמאָלט געזאָגט: קיין זאַך אַרט מיך ניט, נאָר אַז מיין זון וועט גיין צו דער חופה, וויל איך ברענגען אַ קאַפּעליע, מען זאָל איינמאָל שפּילן פאַר מיר. איך האָב דאָס אייך געזאָגט. נו, האָט ער חתונה געהאַט אָן קלעזמאָרים. וואָס טויגן מיר די פוטערנע שטעק־שיך, די „שטאָט״ אין בית־מדרש, אַז איך האָב אָפּגעשפּילט אַ גאַנצן לעבן, און פאַר מיר האָט קיינער ניט געשפּילט! איינמאָל אין לעבן ווילט זיך אַ מענטשן הערן מוזיקע וואָס מען שפּילט פאַר אים! אָט אַזוי איז דאָס, מחותנתטע.

פון זיינע רייד ווערן ביי זאַלמען די פיס נאָך מער געליימט. זי גייט אַהיים און טראָגט דעם גאָלדענעם בריוו פון דער טאָכטער, און קוים זי דערשלעפּט זיך צום שטרויענעם טעפּיכל וואָס ליגט ביים אַריינגאַנג פון זייער קראָם. זי ווישט אָפּ די פיס, קומט אַריין און דערציילט ניט דעם מאַן, אַז זי איז געווען ביים מחותן און וואָס ער האָט איר געזאָגט. אָבער הענאַך ווייס פונוואַנען זיין ווייב איז געקומען. ער דערלאַנגט איר צוויי געטריקנטע טייטלען און ער זאָגט איר:

— נעם אין מויל אַריין, זאַלמע. פאָלג מיך, וועסט זיך דערקוויקן.

*

ישראל עמיאָט

# ליד אָן אַ נאָמען

מיר זענען שוין לאַנג אַוועק פונעם
אַלף,
מיטן „בית״ אויפן אַקסל
זענען מיר אַרויף אויפן שפּיץ פון
טורעם,
אַליין שטיקלעך גאָט,
צו געבן די תורה.

גיי ווייס,
אַז מיר האַלטן נאָך אַלץ ביים בית,
אָבער קלוג זענען מיר,
מיט חכמה אָן אַ שיעור,
מיט שפּרוכן קעגן נעכטיקע טעג,
און קעגן חלומות וואָס שטייען אונז
אין וועג,

מיט אַ פאַרמעג
פון גאַנצע זיבן הימלען,
מיר זאָגן חכמה אויבן
און אונטן ווימלען
מענטשן־קינדער
ביין און הויט
און זאָגן „נעשה ונשמע״.
נאָר איידער די זון ווערט רויט
דערפילן מיר אין אונזער בלוט
דעם טויט
קעגן וועמען מיר האָבן נישט קיין
שפּרוך
נידערן מיר אַראָפּ פון טורעם
וואָס פירט צום הימל
און מיטן בית אויפן אַקסל
דערשלעפּן מיר זיך קוים
צום גימל...

אפרים אויערבאַך

# אַ שליסל צו מיין ליד

דער שליסל צום ליד איז דער שליסל צו זיך אַליין. אַז איך וויל עפענען דאָס באַהאַלטענע קעמערל פונעם ליד, בין איך עובר אויף אַ שטיקל געבאָט נישט צו רעדן פון זיך. מיר דאַכט זיך אָבער, אַז אַזויווי דאָס ליד איז דאָס אינטימסטע אין פּאָעט, וועט מיר זיין גרינגער צוצוקומען צו דעם דורך די פאַרבאָרגענע סטעזשקעס אין זיך אַליין.

לידער האָב איך אָנגעהויבן צו שרייבן אײדער נאָך איך האָב געוואוסט, אַז סע זיינען דאָ לידער. געוואָקסן בין איך אין אַ חסידישער שטוב. ביי אלעזר דעם שוחט איז תמיד געווען אַן עדה אידן. צו שמחת בית השואבה האָט מען אין אונזער שטוב געזונגען און געטאַנצט. פון שמחת תורה איז שוין אָפּגערעדט. שמחת תורה האָבן מיר דעם טאַטן ע״ה געפירט אין שול אַריין, — ער איז געווען דער גבאי, — מיט שטורקאַטשן, מיט געזאַנג, מיט טענץ. היינט סתם אין אַ יומא דפגרא, ווי י״ט כסלו, וואָס איז געווען די הילולא לכבוד דעם וואָס דער רב מלאַדי איז אַרויס פון טורמע.

אין מיר האָט געזונגען פון די אינגסטע יאָרן מיינע. דאָס געזאַנג מיינס האָב איך אַריינגעזונגען פריער אין חומש, דערנאָך אַפילו אין די סוגיות און פלוגתות פון דער גמרא. צי האָב איך אַזויפיל געקענט דאָס לערנען וויפל איך האָב אויסגעזונגען, ווייס איך נישט. אין מיר איז געווען אַ מין ברויזנדיק, שטורעמדיק געזאַנג, וואָס אַז איך האָב עס נישט אויסגעלעבט אין לידער, האָב איך עס אויסגעלעבט אין דער גמרא, אין תנ״ך. דאַכט זיך, אַז איך בין אַלט געווען אַ יאָר פערצן, בעת איך האָב אָנגעהויבן צו וויסן וואָס סע איז אַזוינס אַ ליד. ביי אונז אין שטוב איז אויסגעוואָקסן און זיך אויסגעוואַרעמט יעקב פיכמאַן. ער האָט געבראַכט די ערשטע לידער זיינע צום עלטערן ברודער מיינעם, שלומ׳ען, און אַפילו פאַרן טאַטן מיינעם, דעם שוחט, האָט ער זיי געלייענט. האָב איך זיך צוגעקוקט און געזען, אַז געזאַנג קען מען אַריינגעבן אין ווערטער.

פון השפעה איז אָפּגערעדט, די אידישע פּאָעזיע איז צו אונז נישט דערגאַנגען. אַ פּאָר לידער רייזענס האָב איך געקענט, דערפאַר וואָס מע האָט זיי געזונגען. אָבער קיינמאָל האָט רייזען מיך נישט געקענט באַווירקן. דער בעסאַראַבישער איד וואָס איך בין, דער זינגעוודיקער, איז מיר רייזענס געמיט געווען פרעמד. איז נישט וואָס איך זוך יום־טובדיקייט אינעם ליד, נאָר אַז אַ ליד איז נישט קיין יום־טוב ביים פּאָעט, איז עס קיין ליד נישט. אַפילו דאָס סאַמע טרויעריקסטע ליד איז אַ יום־טוב. אַז גאָט האָט באַשאַפן די וועלט, האָט ער דאָך באַשאַפן אַלע שלעכטסקייטן אין איר אויך, פונדעסטוועגן שטייט געשריבן „וירא אלקים כי טוב״, וואָרים אין דעם באַשאַף אַליין איז דאָ פרייד. אין דעם פּאָעטס מעגלעכקייט זיך אַרויסצוזאָגן, זיך אויסצודריקן, געפינען דאָס בילד, געפינען פאָרעם פאַר דער איבערלעבונג זיינער, — איז שוין דאָ פרייד. איז דערפאַר נישט שייך צו זאָגן, אַז איך זוך יום־טובדיקייט אין ליד. איך זוך דאָס ליד. אַפילו פון דער סאַמע שווערסטער טרויעריקסטער ווירקלעכקייט, מוז אַ ליד אין זיך האָבן אויסלייזערישקייט. מיטן אויסדריקן



זיך לעבט דער פּאָעט אַ מאָמענט פון אויסלייז, און דאָס מוז אַריינגיין אין ליד, מע מוז עס פילן אין ליד.

איז דאָס די דעפיניציע מיינע פאַר פּאָעזיע? ניין, סע איז דער שליסל צו זיך, דער שליסל צו מיין אייגענעם ליד. דער פּראָצעס פון שרייבן אַ ליד איז ביי מיר נישט נאָר אַן איבערלעבונג פון געמיט, נאָר אויך אַ פיזישע איבערלעבונג. שרייבן אַ ליד רופט ביי מיר קודם אַרויס אַ וואַרעמקייט אין גאַנצן געביין. דאָס בלוט אין די אָדערן רינט אַנדערש, — רוישיקער, שטורעמדיקער. געפיל, וואָרט, בלוט, — אַלץ קומט זיך צונויף, ווי אויף אַ חתונה, די חתונה פונעם ליד. דער פּאָעט איז דער חתן, די כלה, דער גלאַוונער מחותן אויף דער ליד־חתונה.

דערפון דאַרף נישט אַרויסדרינגען, אַז איך האַלט, אַז פּאָעזיע איז נאָר אינטואיציע. דאָס וועט זיין נישט אמת, וואָרים איך אַליין מאַך לכל הפחות אַ פּרואוו אַריינצוגעבן געדאַנק אין פּאָעזיע. זאָל איך ווידער זאָגן, אַז פּאָעזיע איז געדאַנק, זע איך אויך נישט, אַז דאָס זאָל זיין אויפן וועג, וואָרים איך נעם דאָך געדאַנק און פּרואוו אים אָנצינדן מיט געמיט. געדאַנק? פאַרוואָס האָט דאָס ליד געדאַרפט געשריבן ווערן אין געהאַמערטע שורות, אָדער אַפילו אין פרייען פערז? סע האָט דאָך געדאַרפט געשריבן ווערן אין פּראָזע. דער פּאָעטישער געדאַנק דאַרף זיין אַ סך נייער, פרישער, ריירעוודיקער, ווי דער געדאַנק אין פּראָזע.

אין וואָס באַשטייט דאָ דער חילוק? דער חילוק באַשטייט דאָ אין דעם, וואָס דער געדאַנק און די איבערלעבונג, — לאָמיר זאָגן אינטואיציע, — ווערן אינעם ליד אַזוי צונויפגעלעבט, אַז איר קענט זיי נישט אָפּטיילן איינס פון אַנדערן. איבערלעבונג איז געדאַנק, געדאַנק איז איבערלעבונג. סע איז צונויפגעזונגענקייט פון ביידע.

און ווייטער: פּאָעזיע שרייבן, און אַפילו לייענען, איז אַ מין רעליגיאָזיטעט. דער מענטש וויל זיך באַהעפטן מיטן העכערן, דעם נישט פאַרשטאַנענעם, דעם נישט דערגרונטעוועטן. דער מענטש וויל צוקומען צום סאַמע עלעמענטישן, וואָס ער איז געווען באַלד נאָכן באַשאַף. אָבער דער וועג איז שוין נישט דער פּרימיטיוו־עלעמענטישער, ער איז דער קאָמפּלעקס פון הונדערטער דורות דערפאַרונג, נשמה־ און געדאַנק־וואַנדערונגען.

דער אידישער פּאָעט דאַרף טראָגן אין זיך די אידישע נשמה־ און געדאַנק־וואַנדערונגען, ער דאַרף זיי אויסלעבן אינעם ליד. וואָס מיר זיינען אַלץ דורכגעגאַנגען: דער חורבן, דער אויפקום פון אַ אידישער מדינה. אָט־די צוויי מאָמענטן וואָס קיין אַנדער פאָלק וואָלט ניט אויסגעהאַלטן אויף אַזאַ שטח צייט, מוזן דאָך אויפוועקן אין אונז אַ מין עקזטאַטיש־מיסטישן גלויבן, אַז פאַר אונז זיינען באַשטימט געוואָרן אַזעלכע אויפטרייסלונגען, וואָס מיר מוזן זיך פאַרטראַכטן איבער זיי און זוכן נישט נאָר די היסטאָרישע סיבות, נאָר אויך די מיסטישע, די באַהאַלטענע. דער פּאָעט זוכט זיי אויף זיין שטייגער, — אין דעם ליד. דאָ וויל איך צוקומען צום אָנהויב: דאָס פּאָעטישע געמיט איז אַ זוכעריש, וואָרים אין תוך וויל דאָס פּאָעטישע געמיט אַנטפּלעקן. דאָס וואָרט אַנטפּלעקט זיך צו אים, ער אַנטפּלעקט דאָס וואָרט, דעם אימאַזש, דעם געדאַנק. היינט שוין אַ פשיטא דאָס זוכעניש אין אונזערע טעג, די גורלדיקע, די אָפן־טראַגישע, אָבער טיף־מיסטישע. דאָס ליד דאַרף זיי אויפטרייסלען, אָבער צו דער אייגענער צייט אויך אויסלייזן, זיי געבן אַפילו אַ זין.

נאָר מיר דאַכט זיך, אַז אין מיין געמיט לעבט דאָס אידישע ליד. אַוודאי האָט די צייט געווירקט, אָבער איך געדענק ווי נאָך מיט אַ פינף־און־דרייסיק יאָר צוריק האָבן מיר געפירט וויכוחים צווישן זיך, — די חברים־פּאָעטן, וואָס זיינען געווען נאָנט מיט מיר, זיינען אַריינגעקומען צו מיר אין שטוב, נעכט כסדר האָבן מיר זיך מתווכח געווען איבער דעם וואָס סע איז אידישע פּאָעזיע. אין מיין בוך „ליטער איז דער אַלטער קוואַל", וואָס געשריבן האָב איך עס אין משך פון אַ פופצן יאָר, לאַנג פאַרן אויפקום פון נאַציזם, זיינען דאָ די אידישע מאָטיוון, וואָס דערגאַנגען בין איך צו זיי נישט פון דרויסנדיקע ווירקונגען, נאָר פון אינעווייניק, פון זיך אַליין. געשעפּט האָב איך זיי פונעם אייגענעם אידישן געמיט.

וואָס־זשע, טראַכט איך, איז אידישע פּאָעזיע, מיט טראָפּ אויף אידישע? אַוודאי די טעמע, נאָר נישט זי איז דער עיקר. דאָס אידישע ליד דאַרף זיין אידיש, אַפילו אַז דער תוכן האָט נישט צו טאָן מיט אידישקייט, איז טעמאַטיש נישט ספּעציפיש אידיש. אין דער אידישער פּאָעזיע האָבן זיך אַריינגעגנבעט קריסטלעכע מאָטיוון, קריסטלעכע בילדלעכקייט. אַז אַ פּאָעט וויל אויסדריקן גרויסעליידן, קען ער אַ זאָג־טאָן, אַז ער הענגט אויפן קרייץ, אָדער ער גייט דעם וויאַ דע לאַ ראָזאַ. האָבן מיר ווייניק סימבאָלן פון ליידן אין אונזער אידישן לאָר? דאָ מוז איך ווידער צוקומען צו זיך, וואָרים נאָר אַזוי וועל איך קענען קלאָר מאַכן וואָס איך מיין.

אַ ליד איז דאָ בײַ מיר, „צלפחדס טעכטער". סע איז דורכאויס אַ ליריש ליד, אַ פּערזענלעכס. אויסדריקן וויל איך אין דעם די איבערלעבונג פון זיך אַליין אין דער אידישער פּאָעזיע. נעם איך דעם ביבלישן מאָטיוו פון צלפחדס טעכטער, וואָס קומען מאָנען אַ חלק פאַר זיך. ווייטער, אַז איך האָב געוואָלט אַרויסזאָגן די אייגענע געמיט־איבערלעבונג פון איין מאָל אַרויס־זינגען דאָס גרויסע געזאַנג, נעם איך אין אַ ליד יצחקן, וואָס האָט דאָס גאַנצע לעבן אָפּגעשוויגן און ערשט, אַז ער איז געווען בלינד, איז דאָס געזאַנג געקומען צו אים אין די ברכות צו יעקבן און עשון. סע איז דאָ בײַ מיר אַ ליד, וואָס הייסט „מדבר־מאָטיוון", דערציייל איך דאָרטן, ווי מיר זיצן צוריק אין מדבר און ווי אַרום ברענט אַ פלאַקער, וואָס מיר האָבן צעצונדן. מיר הויבן אָן פון סניי בײַ דעם גאַנג אין דער וועלט. סע איז געווען אין דער צייט פון פאַרצווייפלונג און דערדריקטקייט. דער געדאַנק האָט מיך געמאַטערט, צי זיינען מיר נישט דערגאַנגען ביזן סוף און, צי דאַרפן מיר נישט אָנהויבן פונעם אָנהויב. אויסצודריקן דעם דאָזיקן אינערלעכן ספק בין איך צוריקגעקומען אין בית שאָן און דורכן תנ"כישן בילד אויסגעלעבט דאָס שווערע געראַנגל אין זיך.

דערפון נעמט זיך שוין אויך דאָס גראַמען אידיש מיט העברעאיש. אינעם דאָזיקן זיווג געפין איך נישט נאָר באַנייאונג פונעם גראַם, וואָס איז אין אידיש שוין היפש אָפּגעטראָגן, — סע איז פאַר מיר אויך אַ כשרער אידישער זיווג. אידיש איז געוואָרן, אַז זי האָט זיך מזדווג געווען מיט לשון־קודש, מיט לשון־קודשדיקע ווערטער און גאַנצע באַגריפן, אַפילו פּסוקים און מימרות. האָב איך דערשפירט, ווי דער גראַם פון אידיש מיט העברעאיש איז אַ קינסטלערישער אָפּפּריש.

איז אפשר דאָ דאָס אָרט צו דערמאָנען דעם גראַם בכלל. סע איז נישט לאו דווקא, אַז אַ ליד זאָל זיך דורכאויס גראַמען. בײַ מיר אָבער איז דער גראַם



אַן אָנטפּלעקונג. ער קומט מיטן אימאַזש, ער עפנט פאַר מיר די טיר צו דער סטראָפע, אַפילו צום גאַנצן גאַנג פונעם ליד. דער גראַם איז נישט סתם טעכניק פון ליד, ער איז, ער דאַרף זיין, דער מזווג פון דער שטימונג מיטן אויסדרוק. אַז דער גראַם זינגט זיך אַרויס, איז ער אַ טייערער מזווג.

בײַ פּאָעטן פרעגט מען: וואָס איז דער ערשטער אימפּולס פאַרן ליד בײַ אייך? וויל איך קודם זאָגן, אַז אַ ליד איז בײַ מיר אַן איינמאָליקע דערשיינונג. דאָס האָט נישט צו טאָן דערמיט, צי דאָס ליד איז אַ געראָטנס, צי נישט. דער עיקר איז, אַז נאָכן אָנשרייבן דאָס ליד, דאַכט זיך מיר, אַז מער וועל איך שוין קיין ליד נישט שרייבן. שרייבן אַ ליד איז פאַר מיר אַ פרייד און אַ פּיין. אַ סך מאָל איז פאַר מיר שרייבן אַ ליד דאָס אומפאַרשטאַנדיקסטע, כמעט אַ רעטעניש. האָב איך שוין געזאָגט, אַז אַ ליד איז בײַ מיר אַן איינ־מאָליקע דערשיינונג, — מער וועל איך קיין לידער נישט שרייבן. דאָס ליד שעפּט מיך אויס, אָבער נאָכמער דערשעפּט עס מיך נישט. אָבער אינעם נישט־דערשעפּטקייט איז דאָ אַזויפיל קאָנצענטרירטע ענערגיע, אַז איך בלייב דערנאָך מיטן גרויסן ספק, צי אַ נס וועט בײַ מיר ווידער געשען.

וויאַזוי דאָס ליד קומט צו מיר? אַמאָל לויפט, גייט נאָך אַ שורה. זי וויל נישט אָפּטרעטן פון מיר. זי וויל נישט בלייבן עלנט, זי וויל האָבן נאָך שורות צו זיך. האָב איך טאַקע רחמנות אויף דער פאַרבלאָנקטער שורה, וואָס וויל זיך צונויפוואַקסן מיט אַנדערע שורות. קומט אויס, אַז איך זעץ זיך אַוועק און הויב־אָן געפינען נאָנטע חברטעס פאַר דער דאָזיקער שורה. אַמאָל ווידער באַהערשט מיך אַ געדאַנק. דער געדאַנק איז נישט אַזוי אַ טראַכטערישער, נאָר עפּעס אַ ברענענדיקער, וואָס זוכט אַ תיקון פאַר זיך. ווידער מאַטערט אַמאָל אַ בילד, וואָס איז אין דער בחינה פון אַ חזיון. דאָס בילד, די זעאונג מאָנט אָנגעקליידט צו ווערן אין ווערטער.

דאָ וויל איך זאָגן, אַז אין ליד געפין איך אַז דאָס פול־אַרויסגעזאָגטע איז נאָך נישט קיין ליד. אַ ליד, וואָס איז קלאָר שבקלאָר, איז ערשט דעמאָלט אַ ליד, אַז עפּעס איז נישט דערזאָגט. דער מענטש אַליין איז נישט קיין דערזאָגטער. דאָס ליד דאַרף טראָגן דעם סוד פונעם מענטש. אַ וואָרט אַז סע בלייבט אָן אַ שאָטן, איז אַ נאַקעט וואָרט. אַמאָל איז דער שאָטן נאָכן וואָרט דער סאַמע עסענץ פון ליד. אָפּגעשטאַנען בין איך אַמאָל בײַם ניאַגאַראַ וואַסערפאַל. ער איז מיר געוואָרן שווער. זיין פולקייט, זיין אַרויסגערעדטקייט האָט מיך מיד געמאַכט. אַז איך בין אַוועקגעגאַנגען, בין איך אומגעריכטער־הייט אָנגעקומען אויף אַ קליין וואַסערפאַלעכל, ממש אַן עופהלע לגבי דעם ריז. אָבער דאָס קליינע וואַסערפאַלעכל האָט געפלאָפּלט מיט אַזאַ פרייד, אַז איך האָב ממש נישט געוואוסט וואָס סע רעדט. און דאָ האָב איך דערפילט, ווי גרויס סע איז דאָס נישט־דערזאָגטע און ווי אַ סך מאָל קען ווערן קליין דאָס פול־דערזאָגטע.

דאָס בעסאַראַבישקייט אין מיין ליד, — בעסאַראַביע האָט געלייגט אַ באַזונדערן חותם אויף די אידן, די באַוואוינער פונעם לאַנד. סע איז נישט אמת, אַז דער בעסאַראַבישער איד, אָדער בעסער געזאָגט, דאָס בעסאַראַבישע געמיט, איז לייכטער ווי דאָס ליטווישע. דאָס בעסאַראַבישע געמיט איז, ווי איר וואָלט אַ קוק־געטאָן זומער: וואָלקנס ווערן אָנגעלאָדן מיטן געבורט פון אַ רעגן. איר פילט אין די וואָלקנס, ווי אָט־אָט ווערט געבוירן אַ זינגעוודיקער, דערפרישנדיקער רעגן. דאָס בעסאַראַבישע געמיט איז ווי אַ וואָלעכל.

דאָס וואָלעכל הויבט זיך אָן געוויינטלעך טרויעריק, צעצויגן. עפּעס איז דאָ אין דעם אי בענקשאַפט, אי טרויער, אי פאַרלוירנקייט. דער סוף איז אָבער תמיד אַן אויסגעלייטערטקייט, אַ צעטאַנצטקייט. אָט דאָס וואָלעכל־געמיט איז אַריין אינעם בעסאַראַבישן אידן. מיר זיינען פריידיקער, אָבער אויך טרויעריקער. בכלל האַלט איך, אַז דער טרויער וואָס פילט זיך אין קול, אין וואָרט, איז דער לויטערער טרויער. אַזאַ טרויער איז דער בעסאַראַבישער.

*

מ. אַליצקי

## די באָבע פינע

די באָבע פינע האָט געהאַט צוויי טעכטער,
צוויי פרויען ערלעכע, צוויי פרויען פרומע.
איז אָבער גאָט געווען צו איר אַ שלעכטער
און ביידע האָט ער פון איר צוגענומען.

די ערשטע, אַ געראָטענע און קלוגע,
האָט אויסגעצאַנקט אין שיין פון שווינדזוכט גיכער.
די צווייטע איז געוואָרן איר משוגע
פון צופיל ליכט וואָס בלענדט אַרויס פון ביכער.

די באָבע האָט זיך ניט באַקלאָגט: דאָס איז גאָטס רצון,
דעם בייזן גזר האָט ער אַרויסגעגעבן.
אויף דער געראָטענער האָט גראָז גענומען שפּראָצן,
די קראַנקע אירע איז געבליבן לעבן.

און דאָס, נאָר דאָס, האָט זי געבעטן שפּל
ביי דעם אַלמעכטיקן און גנעדיקן באַשאַפער:
גיב כוחות מיר צו שיילן די קאַרטאָפל,
דעם טעלער זופּ דערטראָגן צו דער שלאַפער.

שטילינק־שטיל האָט זי גערעדט אין שטאַמל,
מיט הויכע רייד, חלילה, אים ניט צו דערקוטשען:
שענק יאָרן מיר צו זיין פאַרשעמט אַ מאַמע,
ווי לאַנג עס וועט זיך די געשטראָפטע מוטשען.

גרינג געווען איז איר אין לעצטן דרימל,
אויף עלנט בעט, אָן ביידע אירע טעכטער:
ביסט פול מיט רחמים, גרויסער גאָט אין הימל!
ביסט פול מיט רחמים, גאָטעניו גערעכטער!



משה שטאַרקמאַן

## אידיש, אידישקייט און דער אַשורישער כתב

די גמרא זאָגט (סנהדרין כ״א־כ״ב): עזרא הסופר איז געווען ראוי, אַז די תורה זאָל דורך אים געגעבן ווערן צו די אידן, ווען משה רבינו זאָל דאָס ניט געווען טאָן פאַר אים. צום שבח פון עזראן ווערט דערציילט, אַז אין די טעג פון שיבת־ציון נאָך גלות־בבל האָט ער איינגעפירט ביי אידן דעם אַשורישן כתב, אויפן אָרט פון דער אַלטער עברישער שריפט, כדי אָפּצוטיילן די אידן פון די שומרונים און צו געבן די אידן אַ כתב, וואָס קיין שום אַנדער אומה פון די אידישע שכנים האָט דעמאָלט שוין מער ניט גענוצט.

דורך איינפירן דעם אַשורישן כתב האָט עזרא הסופר געגעבן דעם קליינעם אידישן פאָלק די כלי־זיין פאַר גייסטיקע נצחונות צו שאַפן אַ שפּראַך־אימפעריע, וואָס האָט באַצוואונגען אַ ריי לשונות, זיי געפורעמט און אַסימילירט אויף אַזאַ שטייגער, אַז פרעמדע שפּראַך־גיטער זיינען געוואָרן נאַציאָנאַלע אייגנטום פון אידישן פאָלק.

דעם ערשטן נצחון, דורכן באַנוץ פונעם אַשורישן אַלף־בית האָבן די אידן אָפּגעהאַלטן איבער אַראַמיש, וואָס איז אין די טעג פון בית־שני געווען די פאַרשפּרייטסטע שפּראַך פון מיטל־מזרח. דער נצחון איבער אַראַמיש איז געווען פון אַזאַ פאַרנעם, אַז אַ דאַנק דער אידישער קדושה, וואָס דער אַשורישער אלף־בית האָט געגעבן דעם לשון, האָט מען די אַראַמיש־געשריבענע טיילן פון דניאל און עזרא איינגעגלידערט אין די כתבי־הקודש; די תרגומים אונקלוס, ירושלמי־יונתן בן עוזיאל, מדרש, גמרא, תפילות, קבלה, — זיי זיינען געוואָרן פאַרהייליקט ביי אידן ווייל דאָס אַראַמישע איז געקומען אין לבוש פון דער נאַציאָנאַלער שריפט, וואָס איז דורך עזרא הסופר איינגעפירט געוואָרן צו האַלטן די אידן שפּראַכלעך אָפּגעטיילט פון זייערע שכנים און אַזוי אַרום זיכערן דעם אידישן קיום. מיט דעם זעלביקן כתב האָבן די אידן שפּעטער באַצוואונגען און אַסימילירט גריכישע און לאַטיינישע שפּראַך־ווערטן און ווערטער. אָבער די אידן פון אלכסנדריה של מצרים, — זיי האָבן פאַר אידישקייט־צוועקן גענוצט די גריכישע שפּראַך, געשריבן אין דער גריכישער שריפט, ניט אינעם אידישן אַלף־בית. דאָס אַלעקסאַנדרינישע אידנטום איז דערפאַר שנעל אַראָפּ פון דער נאַציאָנאַלער אַרענע. געבליבן איז בירושה פילאָנס אַלעגאָרישער פירוש צו דער תורה, — אַ פירוש, וואָס האָט שפּעטער געהאָלפן שטאַרקן דאָס קריסטנטום, כאָטש פילאָנס כוונה איז גאָר געווען צו שטאַרקן דאָס אידנטום און באַווייזן די גרויסקייט פון דער אידישער אמונה.

זינט דעם אונטערגאַנג פונעם אַלעקסאַנדרינישן אידנטום דערציילט אונז די אידישע געשיכטע וועגן טויזנטער אידן, וואָס זיינען אומגעקומען, ווייל זיי זיינען באַגאַנגען נאַציאָנאַלן זעלבסטמאָרד דורך אויפהערן באַנוצן זיך מיטן אידישן נאַציאָנאַלן אַלף־בית. ס׳האָט ניט געהאָלפן יענע פרעמד־שריפטיקע אידן, וואָס זיי זיינען געווען אידיש־פרום אויף זייער שטייגער. די פרומקייט האָט זיי ניט געקענט באַשיצן פון אונטערגאַנג, ווייל — אידן קענען לאַנג ניט עקזיסטירן ווי שאַפערישע געמיינדעס און קיבוצים אין גריכישער צי לאַטיינישער שריפט, אָדער אין וועלכן־עס־איז אַנדערן אַלפאַ־

בעט, אַחוץ אין אידישן נאַציאָנאַלן כתב, וואָס איז איינגעפירט געוואָרן פון עזרא הסופר.

אומעטום וואו אידן זיינען פאַרטראָגן געוואָרן איינגעם מיט זייער אַלף־בית, האָט די שכינה זיי באַגלייט און זיי באַשיצט קעגן אומקום דורך אַסימילאַציע. אין די לענדער פון דער אַראַבישער שפּראַך־ספערע האָבן די אידן מנצח געווען דאָס אַראַבישע לשון אַ דאַנק זייער נאַציאָנאַלן כתב, ווי רבינו בחיי, למשל, מיט זיין „חובת הלבבות". מיט די כלי־זיין פון זייער אַלף־בית האָבן אידן באַצוואונגען אויך פּערסיש און קאַסטיליש, טאָטעריש און איטאַליעניש. תנ"ך־פּירושים און טייטשן, איבערזעצונגען פון סידורים, מחזורים, הגדות און מוסר־ספרים אויף יענע לשונות דערציילן וועגן די נצחונות פון די אותיות מרובעות.

אַ אידיש לשון אָדער דיאַלעקט קומט־אויף און האָט אַ קיום בלויז ווי אַן אויסדרוק פון אידישקייט, ווייל אָן אידישקייט קען ניט זיין קיין מסירת נפש פאַרן נאַציאָנאַלן אַלף־בית. דאָרט וואו אידן הערן־אויף נוצן דאָס אייגענע לשון, וואָס איז געשריבן אין אידישן כתב, — הויבט זיך אָן די פולשטענדיקע אַסימילאַציע מיט דער ניט־אידישער מערהייט.

אונזערע אור־אור־עלטערן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין דער דייטשער שפּראַך־סביבה פון מערב־אייראָפּע, זיינען געקומען אַהין מיט אַ ריזיקן אוצר פון לשון־קודשדיקע און אַראַמישע ווערטער און וואָרט־באַהעפטונגען, וואָס זיי האָבן גענירשנט פון פריערדיקע דורות. אין דער קאַנווע פון פריערדיקן שפּראַך־געוועב האָט מען אַריינגעוועבט שפּראַך־פעדעם פון דער נייער סביבה. פונקט ווי פיל גריכישע און לאַטיינישע ווערטער זיינען געהייליקט געוואָרן דורך ווערן אַריינגענומען אין מדרש און משנה, אַזוי האָבן גערמאַנישע און שפּעטער סלאַווישע ווערטער באַקומען קדושה דורך זייער באַהעפט ווערן מיט לשון־קודש און מיט אַראַמיש אַ דאַנק דעם נאַציאָנאַלן אַלף־בית. די נייע שפּראַך, אידיש, איז געפורעמט געוואָרן אין דעם הויך פון קינדערישע מיילער אין די חדרים; אין די מיילער פון תלמידי־חכמים, וואָס זיינען געזעסן אין בתי־מדרשים און קלויזן, און פון אַ לעבן, וואָס איז רעגולירט געווען פון אידישע דינים, באַלויכטן און געוואַרעמט דורך אידישע מנהגים פון שבת, יום־טוב און וואָך. אידיש איז, אין תוך, אַן אייראָפּעאישע עברית. אין דער געשריבענער פאָרם האָט מען אידיש במשך יאָרהונדערטער גערופן עברי־טייטש; די עברי און דער טייטש זיינען געגאַנגען אינאיינעם, — אין דעם נאַציאָנאַלן כתב. אַ סך לשון־קודשדיקע ספרים אַנטהאַלטן ניט בלויז אָן אַ שיעור אידישע ווערטער און אויסדרוקן, נאָר אויך דער סטיל פון אַ סך ספרים, בעיקר חסידישע, זאָגט עדות אויף דער השפּעה פון אידיש אויף דער אַנטוויקלונג פון העברעאיש. גדולי התורה האָבן טאַקע באַצייכנט אידיש מיטן טערמין „לשוננו", — „אונזער לשון". דער ניגון פון גערעדטן אידיש איז דער ניגון פון לערנען אַ פּרשה חומש און אַ בלאַט גמרא. אָן אַ באַקאַנטשאַפט מיט אידישקייט קען מען ניט פאַרשטיין די נאָרמאַלע אידיאָמאַטיק פון דער אידישער שפּראַך. איינער וועט ניט קענען פאַרשטיין דעם באַטייט פון אַזאַ האַרב וואָרט ווי „שלאָגן" אויב ער ווייסט ניט דעם באַטייט פון „שלאָגן כפּרות" און „שלאָגן זיך על חטא" אָדער אַן „אָפּגעשלאָגענע הושענא". און וואָס מכוח אַזעלכע אידיאָמען ווי „אויסגיין שמונה־עשרה", „שפּרינגען קדושה" און „קוקן ווי אַ האָן אין



בני־אָדם", אָדער מיט אַזעלכע אויסדרוקן ווי „אַ צענטער צו מנין", „פאַלן כורעים", „זאָגן רבנן־קדיש" וכדומה?

די פּיאָנערן פון אידישער רעליגיעזער רעפאָרם אין דייטשלאַנד האָבן געזען אין אידיש לשון אַ נאַציאָנאַל־פאָלקישע אייגנאַרט, — און דערפאַר האָבן זיי איינגעפירט אין זייערע געבעט־הייזער די לאַנד־שפּראַך כדי אָפּצושאַפן איינע פון די וויכטיקסטע גייסטיקע מחיצות צווישן אידן און קריסטן. די גדולי התורה, ווי דער חתם־סופר למשל, האָבן פאַרשטאַנען די געפאַרן פון שפּראַך־אַסימילאַציע. זיי האָבן דערפאַר געוואָרנט, אַז אומעטום וואו מען באַזייטיקט אידיש אין די דרשות אָדער ביים לערנען און מען פירט איין די לאַנד־שפּראַך, ברענגט מען אַריין אַ צלם בהיכל, אַ געץ אין הייליקטום, און דאָס אידישע מקום קדוש ווערט אַ טעמפּל פון עבודה זרה...

צוויי אַנטיקע פעלקער, די אידן און די גריכן, וואָס זיינען געווען, אי קליין, אי נאַציאָנאַליסטיש, האָבן געהאַט די גרעסטע השפּעה אויף דער קולטור־אַנטוויקלונג פון דער ציוויליזירטער מענטשהייט. פאַרוואָס? ווייל אמתדיקע נאַציאָנאַלע ווערטן קענען גייסטיק נערן מענטשן פון פאַרשידענע דורות, לענדער און קלימאַטן.

צו די „אויסטערלישקייטן" מיט וועלכע ס'איז רייך אונזער נאַציאָנאַלע געשיכטע און קעגנוואַרט, געהערט אויך דער פאַקט, וואָס די העברעאיש־אידישע ליטעראַטור, די ליטעראַטור אין דעם אַלף־בית, וואָס בלויז דאָס אידישע פאָלק באַנוצט, איז די איינציקע עקזיסטירנדיקע וועלט־ליטעראַטור זינט לאַטיין האָט אויפגעהערט צו זיין אַן אוניווערסאַל לשון פאַר ליטעראַרישן שאַפן. די עליות און ירידות פון אידישן פאָלק אין פּרט פון ליטעראַרישער יצירה מוז מען, בכן, מעסטן, ניט לויט דער צאָל אידן, וואָס באַרייכערן די ליטעראַטורן פון די לענדער וואו זיי וואוינען, נייערט לויט דער צאָל שאַפערס און לויט דער קוואַליטעט שאַפונגען אין די אותיות פון אידישן כתב.

מיר זאָגן, אַז די צוויי־שפּראַכיקע ליטעראַטור אין אידישן אַלף־בית איז היינט די איינציקע וועלט־ליטעראַטור, כאָטש מיר ווייסן, אַז ענגליש איז איצטער די אוניווערסאַלע שפּראַך. אָבער, — די ליטעראַטור אין ענגליש איז ניט קיין וועלט־ליטעראַטור. אין יעדער מדינה, וואָס ענגליש איז איר אָפיציעל לשון, נוצט מען ענגליש צו שאַפן אַן אייגענע טעריטאָריעלע ליטעראַטור. די קאַנאַדער און די אירלענדער שאַפן אויף ענגליש באַזונדערע ליטעראַטורן; די אַמעריקאַנער ליטעראַטור, די אויסטראַלישע ליטעראַטור און די ליטעראַטור אויף ענגליש אין ענגלאַנד גופא, — האָבן ניט צווישן זיך יענע קרובהשאַפט, וואָס דער באַנוץ פון דער זעלביקער שפּראַך און קעגנזייטיקע איינפלוסן, וואָלטן באַדאַרפט גורם זיין. אָבער, אומעטום וואו אידן שאַפן ליטעראַרישע ווערטן אין דעם אידישן אַלף־בית, ווערן די דאָזיקע שאַפונגען אַ טייל פון אונזער נאַציאָנאַלער וועלט־ליטעראַטור און דאָס גייסטיקע אייגנטום פון דעם גאַנצן אידישן פאָלק.

קיינעם וועט ניט איינפאַלן צו גיין זוכן אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור בעלעטריסטישע שילדערונגען פון לעבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, אָדער אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור ראָמאַנען פון לעבן אין דרום־אַמעריקע, צי אין דער רוסישער ליטעראַטור דערציילונגען פון לעבן אין דרום־אַפריקע, כאָטש אין יענע ליטעראַטורן זיינען מסתמא אַזעלכע ווערק אויך פאַראַנען. אָבער אין דער ליטעראַטור געשאַפן אינעם אידישן אַלף־בית, איז דאָס געפינען אַזעלכע ביכער אַ גאָר גרינגע אַרבעט. ווערק וואָס זיינען אַרויס

אין בוענאָס אײרעס צי אין יאָהאַניסבורג, אין מאָסקווע אָדער אין מעלבאָרן, אין תל־אָביב צי אין ניו־יאָרק, אין וואַרשע אָדער אין פּאַריז, אין לאָנדאָן אָדער אין מאָנטרעאָל, טראָגן אויף זיך דעם חותם פון די באַטרעפנדיקע שטעט און פון די לענדער צו וועלכע די שטעט געהערן, און לויט זײער גוסט און גײסט זײנען זײ מחוץ, אָדער העכער, פון טעריטאָריעלע גרענעצן.

די נאַציאָנאַלע געשיכטע לערנט אונז, אַז די אידישע שפּראַך איז אויפגעקומען אין דער סביבה פון דער אידישער אמונה, די היסטאָרישע דערפאַרונג לערנט אונז, אַז דאָס אידישע לשון קען לעבן און ווירקן בלויז אין דער סביבה פון אידישקייט; די נאַציאָנאַלע קעגנוואַרט לערנט אונז, אַז די העברעאיש־אידישע ליטעראַטור, — די ליטעראַטור אין אונזער פּאָלקישן אַלף־בית, — איז היינט־צו־טאָג די אײנציקע וועלט־ליטעראַטור, אַ ליטעראַטור מיט אַן אוניווערסאַלן פאַרנעם און כאַראַקטער.

# אונטער שיין פון לעגענדע

עס זײנען דאָ באַרג־קלעטערער וואָס זעען דעם שפּיץ פון באַרג און ווילן אַהין דערגרייכן. זײ שפּאַנען. זײ מאַכן אַלע ווײלע אַ גוואַלדיקן באַרג־אַרויף, און אָט אָט, זײ זײנען שוין באַלד געקומען און ווען זײ קוקן זיך אַרום — שטײען זײ בײם צופוסנס. און עס זײנען דאָ אַזעלכע, וואָס קוקן גאָרניט צום שפּיץ פון באַרג, נאָר בײם סאַמע אונטן געפעלט זײ אַ ווינקל. זײ זײנען שיכור פון פרייד וואָס זײ האָבן דעם ווינקל געפונען. און ווען זײ קוקן זיך אַרום — ערשט זײ שטײען אויפן שפּיץ פון באַרג. דער שפּיץ פון באַרג האָט אַראָפּגענידערט צו זײ, זײ אַרויפגענומען, און פאַרשפּאָרט זײ די טירחה פון קלעטערן. צו די־אָ געהערט משה סמיליאַנסקי.

משה סמיליאַנסקי האָט אַ באַזונדערן — און אָפּגעזונדערטן — מאַיאָנטעק אין דער העברעאישער ליטעראַטור. ער האָט אויפגעזאַמלט די לעגענדאַרישע פונקען פון אַ דור און איבער זײנע קלײנע באַשרײבונגען איז געבליבן דער שיין פון לעגענדע. ער האָט אויסגעקליבן אַ זשאַנר, וואָס אַ שרײבער האָט ניט קײן חשק זיך נעמען צו אים. ער האָט געשריבן „אמתע מעשות" וועגן מענטשן וואָס ער האָט געקענט אָדער געהערט וועגן זײ, זײ אָנגערופן מיט זײערע נעמען, דאָס וואָס עס טוט געוויינלעך אַ רעפּאָרטער, — און מיט דעם אופן פון שרײבן האָט ער אָפּגעשילדערט אַ דור, זײן גײסט און טואונג.

זײנע העלדן זײנען געווען פּשוטע מענטשן און אויסגעצייכנטע יחידים, עם־האַרצים און למדנים, מענער און פרויען, די אַלע וואָס ער האָט געלעבט צווישן זײ, די וואָס זײנען געקומען קײן ארץ־ישראל אין די אַכציקער און נײנציקער יאָרן — דאָס וואָס מען רופט די ערשטע עליה צו וועלכער ער אַלײן האָט געהערט.

וואָס האָט משה סמיליאַנסקי געטאָן, וואָס באַשרײבנדיק די מענטשן האָט ער אַרויסגעבראַכט דאָס גאַנצע פלאַי־פלאים פון יענער צייט, דעם אימפּעט אירן און דעם וואונדער? ער האָט ניט פאַרטראַכט קײן ראָמאַנען מיט אויסערגעוויינלעכע געשעענישן, ער האָט ניט געשאַרפט דעם מוח פאַר טיפזיניקע זאָגונגען, און ער האָט ניט געטובלט זײן פען אין קײן הײליקע ברונימער, ווי מען טוט געוויינלעך ווען מען שילדערט „דעם אויפטו פון אידעאַליזם". ער האָט געשריבן מיט פּשטות.

פאַר משה סמיליאַנסקי איז געווען אַלץ אײנס צי זײן העלד איז אַ פּשוטער סטאָליער, אַ וואַסער־טרעגער, אָדער אַ מנהיג, אַן אײנפאַכע פרוי אָדער אַ באַזונדערס באַגאַבטע, ווייל ער האָט אין זײ אַלעמען געזען דעם וואונדער פון אַ דור, און ווייל ער האָט אַזוי געפילט, האָט ער געשילדערט נישט אינדיווידועלע העלדישקייט, נאָר אַ מין ציבור פון אויסדערווײלטע — די „משפחת האַדמה". אין די מענטשן פון זײן דור האָט ער געזען אַן אומגעוויינלעכע פאָלקס־דערשײנונג, און ער האָט געהאַט אַ פאַרלאַנג אויסצורופן זײן באַוואונדערונג. עס איז בײ אים געווען אַ השתפכות הנפש נישט וועגן זיך, נאָר וועגן דעם וואָס ער זעט פאַר זײנע אויגן. מעגלעך, אַז דעריבער איז בײ אים די שפּראַך — ניט פון אַ בוך — נאָר פון אַ דערציילטער מעשה.

אָנשרייבן אַ מעשה אָט אַזוי פּשוט ווי מענטשן רײדן, אַז מען זאָל ניט פילן אַז מען לײענט, נאָר עס זאָל זיך דאַכטן אַז עס שטײט עמעצער און דערציילט עפּעס — דאָס איז אַ באַזונדערע באַגאַבונג, וואָס גאָר זעלטענע שרײבער באַזיצן. דער אופן פון שרײבן האָט אַ צויבער פון אינטימקייט, אָט אַזוי ווי די חסידישע מעשות. אויך זײ זײנען געווען אַן אויסדרוק פון אינערלעכער התפעלות. די חסידישע מעשות זײנען געגאַנגען מפה לפה, מען האָט זײ דערציילט. און ווען זײ זײנען פאַרשריבן געוואָרן האָבן זײ אײנגעהאַלטן דער אָטעם פון אַ דערציילטער מעשה און די פּשטות פון גערעדטער שפּראַך. אָט־די פּשטות פון אַ דערציילטער מעשה באַזיצט משה סמיליאַנסקי.

משה סמיליאַנסקי דערציילט אמתע מעשות פון אמתע מענטשן. ער באַמיט זיך ניט צו שאַפן אַ קינסטלערישע דערציילונג, וואָס זאָל אַרויסברענגען אַן אידייע. פאַרקערט, ער גײט מיטן דרך המלך פון „טרוקענע" פאַקטן, וואָס זײנען קערנער פון לעגענדע. ווען מען לײענט די פּאָרטרעטן פון די מענטשן וואָס ער שילדערט דאַכט זיך אויס, אַז עס איז ניט מער ווי כראָניק, און עס געהערט ניט צו דער קינסטלערישער ליטעראַטור. עס איז כמעט אַ וואונדער, וואָס אָט־די כראָניק בלײבט אין זכרון מיט אַ לעגענדאַרישן שיין. דאָס איז סמיליאַנסקיס באַזונדערער אופן פון שרײבן, זײן דרך, וואָס איז באַלויכטן פון אַ ניצוץ פון זײן געשיכטלעכער עמפּינדלעכקייט. כאָטש ער באַשרײבט יחידים איז ער אויסן דעם דור וואָס ער באַוואונדערט. דער יחיד איז פאַר אים אַ רעטעניש, די רעטעניש וואָס איז פאַרבאָרגן אין דער אידישער געשיכטע מיט אירע נסים. סמיליאַנסקי באַמיט זיך ניט לײזן די רעטעניש. ער באַוואונדערט זי בלויז. אין זײן פאָרוואָרט צום בוך „משפחת האַדמה" מאַכט ער אַן אַלגעמײנע באַמערקונג וועגן זײנע „עמך"־מענטשן וואָס ער באַשרײבט: וואָס האָט באַוואויגן דעם אָדער יענעם צו קומען אין די וויסטענישן פון ארץ־ישראל אין יענער צייט? אָנשטאָט אַרײנגײן אין פּסיכאָלאָגישע דערקלערונגען גיט משה סמיליאַנסקי אַן אַנדער תשובה: זעט מײנע העלדן. זײ זײנען פּשוטע אידן און זײ זײנען די רעטעניש פון אַן אויסדערווײלט פאָלק. זײן אופן פון שרײבן איז: נאָכגײן די מענטשן אין זײערע טואונגען, ניט אין זײערע טראַכטונגען. דאָס טראַכטן לאָזט ער איבער פאַר די לײענער, און אַזויווי זײנע באַשרײבונגען זײנען בבחינת אַ דערציילטער מעשה, איז ריכטיקער צו זאָגן, אַז ער לאָזט איבער דאָס טראַכטן פאַר זײנע צוהערער. אין דעם זין קען סמיליאַנסקיס אײנפאַכסטע מעשה האָבן אַ שטאַרקערע פּעולה, ווי אַ דערציילונג וואָס איז געשריבן מיט אַלע דקדוקים פון אַ קינסטלעריש ווערק מיט אַ פּסיכאָלאָגישער פּאָדשעווקע.

פונקט ווי זײנע מענטשן זײנען געגאַנגען אין לײוונטענע בגדים און אין פּשטות געלײגט אַ פונדאַמענט פאַר אַ גרויסן אויפטו, אַזוי איז ער אין זײן אופן פון שרײבן געגאַנגען „אין לײוונטענע בגדים" און אויפגעוויקלט אַ בילד פון אַן עפּאָכע.

ק. מ.

משה סמיליאַנסקי

# עמך

## ר׳ ישראל וואַסער־טרעגער

אין איין שיינעם טאָג, אין יאָר 1891, איז ער געקומען צופוס פון יפו אין „חן״ (אַ קרעטשמע אויפן וועג וואו עס פאַרפאָרן קאַראַוואַנען) פון חדרה. ער האָט דאָרט ניט געהאַט ניט קיין פריינט און ניט קיין קרוב, און קיינער האָט ניט געוואוסט ווער ער איז און פונוואַנען ער שטאַמט. אויפן אַקסל האָט ער געטראָגן אַ זאַק מיט אַלע זיינע זאַכן, און אין האַנט אַ קאָראָמיסלע — אויף טראָגן וואַסער. דאָס האָט ער געבראַכט מיט זיך פון דער היים, פון דאָרף. אויף דער קאָראָמיסלע זיינען געווען צוויי רינגען אויף אָנהענגען די עמער. ער האָט אויך געבראַכט צוויי גרויסע, שווערע, בלעכענע עמערס, זיין „געצייג״ פאַר דער אַרבעט.

אויף מאָרגן נאָך זיין אָנקומען איז ער באַלד געוואָרן אַ וואַסער־טרעגער. פון גאַנץ פרי ביז שפּעט אין אָוונט האָט ער געטראָגן וואַסער פון ברונעם, וואָס האָט זיך געפונען אונטן, לעבן בערגל, אַרויף אינדערהויך צום „חן״, און נאָך ווייטער צו די געצעלטן אויף יענער זייט „חן״ וואו עס האָבן געוואוינט די ערשטע גרינדער פון חדרה.

מיט זיין געצייג, די בלעכענע עמערס, וואָס ער האָט געבראַכט פון „איראָפּע״, האָט ער זיך אויסגעצייכנט פון די וואַסער־טרעגער די „אַזיאַטן״, די אַראַבער און אַראַבערקעס, וואָס זיי האָבן געשלעפּט דאָס וואַסער אין קרוגן אויפן קאָפּ אָדער אויפן אַקסל. אין זיין „קאָנקורענץ״ מיט זיי האָט ער געהאַט די אויבערהאַנט. אין זיינע צוויי גרויסע עמער האָט ער געקענט ברענגען אַ סך מער וואַסער פון זיי. זיינע הויכע פיס — ער איז געווען אַ הויכער און אַ לאַנג־פוסיקער — אין שטיוול האָט ער געשפּאַנט שנעל און פלעגט קומען פריער פון זיי.

אָבער די ביטערע ווירקלעכקייט האָט אים מיט דער צייט געצוואונגען זיך אויפצופירן ווי אַלע אַנדערע וואַסער־טרעגער אין לאַנד. ער האָט געקויפט אַן אייזל, אָנגעהאַנגען פון ביידע זייטן צוויי קאַסטנס, און אין יעדן קאַסטן צוויי בלעכן מיט וואַסער. דער אייזל אַ באַלאָדענער גייט, און ר׳ ישראל דער וואַסער־טרעגער טרייבט אים אָן. אַז דער אייזל האָט זיך ספּאָטיקעט און געפאַלן — ווייל ס׳איז געווען אַ קליין, מאָגער, שוואַך אייזעלע — האָט אים ר׳ ישראל אָנגענומען מיט ביידע הענט, אַ הויב געטאָן, אים צוזאַמען מיט די קאַסטנס און די בלעכן וואַסער, און געשטעלט אים צוריק אויף די פיס. ער איז געווען אַ שטאַרקער יונג, ר׳ ישראל, און אָפּטמאָל, אין די הייסע טעג, ווען די פאָדערונג אויף וואַסער איז געווען גרויס, האָט ר׳ ישראל געמאַכט אַ צוגאָב: חוץ די פיר בלעכן וואַסער אויפן אייזל, האָט ער געטראָגן אויף דער קאָראָמיסלע אויף די אַקסלען נאָך צוויי עמער וואַסער...

איז ר׳ ישראל געווען אַ צופרידענער — זיינע פיס גייען דאָך אויף דער הייליקער ערד. גערעדט האָט ער אַ וואָרט אידיש און צוויי ווערטער גויאיש, אָבער פונדעסטוועגן האָט ער זייער ליב געהאַט דאָס לאַנד, ווייל ס׳איז דאָך אַ הייליק לאַנד. און כאָטש ער האָט ניט געוואוסט פון דער מימרא אַז „ווער עס גייט דורך פיר איילן אויף דער ערד פון ארץ־ישראל וועט האָבן עולם



הבא״, איז ער געווען שטאָלץ ביי זיך וואָס ער שפּאַנט יעדן טאָג טויזנטער איילן אויף דער הייליקער ערד.

ביי זיין טאַטן דעם שמיד אין אַ דאָרף, אין אוקראַינע, האָט ער זיך געהאָדעוועט פון קינדווייז אָן צווישן „שקצים״, אין קיין חדר איז ער ניט געגאַנגען, און זאָגן עברי פון סידור האָט ער זיך אויסגעלערנט ביי זיין זיידן, דער מאַמעס פאָטער, וואָס איז געקומען אויף דער עלטער פון שטעטל צו זיין ביי זיין טאָכטער אין דאָרף. פון זיין זיידן האָט ער זיך אויסגעלערנט ניט נאָר עברי, נאָר אויך די ניגונים פון די תפילות, טרויעריקע, זיסע ניגונים וואָס צופּן דאָס האַרץ. האָט דער אינגל, ישראל, זייער ליב געהאַט דעם זיידנס ניגונים, און אַז ער האָט געהאָלפן דעם טאַטן אַרבעטן אין קוזניע ביי דער קאָוואַדלע, האָט ער געברומט דעם זיידנס אַ ניגון — און דער טאַטע זיינער, וואָס האָט געקענט עברי נאָך ווייניקער פון אים, און קיין ניגונים אינגאַנצן ניט געקענט, האָט זייער הנאה געהאַט פון זיין זון.

און נאָך איין זאַך האָט זיך שטאַרק איינגעקריצט ביים אינגל אין זיכרון: דאָס וואָרט ירושלים וואָס דער זיידע פלעגט שטאַרק אונטערשטרייכן ביים דאַוונען און פלעגט עס אַרויסברענגען כמעט מיט אַ געשריי. פון זיידנס רייד האָט דער אינגל פאַרשטאַנען אַז ירושלים איז אַ שטאָט, וואָס איז געווען אַמאָל די „הויפּט־שטאָט״ פון אידישן פאָלק. און אַגב האָט ער זיך דערוואוסט אַז ער, און זיין טאַטע און זיין מאַמע האָבן אויך אַ שייכות מיט אָט־דעם אידישן פאָלק. איז דער אינגל געווען שטאָלץ און עס האָט אים הנאה געטאָן וואָס ער האָט געהאַט אַ „הויפּט־שטאָט״.

ווען ישראל איז אונטערגעוואָקסן און איז געווען שוין אַ בחור, איז געשטאָרבן דער זיידע. די משפחה האָט געבראַכט דעם זיידן צו קבר ישראל אין דעם נאָענטן שטעטל, און אַז זיי האָבן זיך אומגעקערט פון דער לוויה — זיינען אַרויסגעקומען די פּויערים פון דאָרף און מיט זיי דער גויאישער שמיד, און מען האָט זיי נישט געלאָזט אַריין צוריק אין שטוב אַריין, ווייל עס איז אָנגעקומען אַ גזירה פון דער רעגירונג: אַ איד וואָס וואוינט אין אַ דאָרף, אויב ער פאָרט אַרויס פון אים — טאָר ער זיך ניט אומקערן... ישראלס עלטערן האָבן פאַרלאָזן דעם דאָרף, און דער בחור האָט געוואַנדערט פון איין אָרט צום אַנדערן ביז ער איז אָנגעקומען קיין אָדעס און איז געוואָרן אַ טרעגער אין האַפן.

ישראל האָט געהאַט אַ נאָמען פון אַ גוטן טרעגער. קיין הויב־מאַשינעס זיינען נאָך אין יענער צייט ניט געווען, און די זעק תבואה פלעגן די טרעגער שלעפּן אויף די פּלייצעס, פינף פּוד תבואה אין אַ זאַק, און אָנלאָדן די שיפן וואָס האָבן געפירט די תבואה צו אַלע האַפנס פון דער וועלט. ישראל האָט זיך איינגעאיבט צו טראָגן אויף זיינע אַקסלען צוויי זעק תבואה פאַראַמאָל... דעריבער האָט ער פאַרדינט מער פון אַנדערע טרעגער, כאָטש צוויי טעג אַ וואָך האָט ער גערוט, שבת און זונטיק. קיין גביר איז ער ניט געוואָרן, די פאַרדינסטן פון אַ טרעגער זיינען ניט געווען מי יודע ווי גרויס, און יעדן חודש האָט ער געשיקט „אַ פינפערל״ צו זיינע עלטערן אין שטעטל.

ער האָט געלעבט אַ רואיק לעבן און איז געווען צופרידן. ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן פון חתונה האָבן און פון אַן אייגענער משפחה. די מיידלעך פון „פערעסיפּ״, וואָס האָבן שבת געלושטשעט יאָדערן אויפן שפּאַציר, האָבן צוגעוואונקען צו אים ליבלעך.

אָבער פלוצלינג האָט זיך זיין וועלט אַ דריי געטאָן.

אין איינעם אַ טאָג, ווען ער האָט געאַרבעט ווי אַלע אַנדערע טעג, האָט ער אָנגעלאָדן קאַסטנס, זעק און פעקלעך אויף אַ שיף וואָס מיט איר זיינען געפאָרן הונדערטער פרומע קריסטן פון אַלע עקן רוסלאַנד אויף טאָן תפילה אין דער הייליקער שטאָט „יערוסאַלים". מיט דער זעלבער שיף זיינען אויך געפאָרן אידן, און פון זיי האָט ער זיך דערוואוסט און האָט פלוצלינג פאַרשטאַנען אַז „יערוסאַלים" איז דאָס טאַקע יענע שטאָט ירושלים וואָס איז אַמאָל געווען די אידישע הויפּט־שטאָט, און די אידן וואָס פאָרן מיט דער שיף פאָרן ניט צו די הייליקע קברים, נאָר זיי פאָרן גאָר באַאַרבעטן די ערד און איבעראַנייס בויען ירושלים...

אָט־די זאַך, וואָס איז אַנטפּלעקט געוואָרן פאַר אים, האָט זיך אים אַריינגעקלאַפּט ווי אַ טשוואָק אין מוח און האָט אים ניט געלאָזט רוען. עס האָט זיך ביי אים דערוועקט אַ פאַרלאַנג אַוועקצופאָרן מיט איינער פון אָט־די שיפן קיין ירושלים...

ער האָט פאַרגעסן וועגן זיינע עלטערן אין שטעטל, וואָס קוקן אויס אויף זיין „פינפערל", ער האָט פאַרגעסן וועגן די מיידלעך פון „פערעסיפ" וואָס שמייכלען צו אים און פון זיין פאַרלאַנג צו האָבן אַן אייגענע משפחה... ער האָט געפלאַמט אַוועקצופאָרן אין הייליקן לאַנד, קיין ירושלים, און ער האָט באַשלאָסן אַזוי צו טאָן, מעג זיך די וועלט איבערקערן. און זינט ער האָט אַזוי אָפּגעמאַכט ביי זיך איז זיין ניגון ביים דאַווענען געוואָרן נאָך טרויעריקער און זיסער. פון זיין יוגנט אָן האָט ער קיינמאָל ניט אויפגעהערט דאַווענען יעדן טאָג גאַנץ פרי מיטן שפּראָץ פון דער זון. די באַלעבאָסטע, וואָס ער האָט ביי איר געדונגען אַ „ווינקל" צום שלאָפן, אַ אידישע פרוי, אַ פרוכט־הענדלערין אין מאַרק, האָט זיך שטענדיק צוגעהערט צו זיינע ניגונים, און איצט האָט זי געהאַט טרערן אין די אויגן — אַזוי זיס איז געווען זיין געזאַנג...

און ישראל האָט געטראַכט: קיין באָדן אין הייליקן לאַנד האָט ער ניט, קיין אַקער־אייזן און קיין פערד אויך ניט — וואָס וועט ער דאָרטן טאָן? די מלאכה פון אַ שמיד האָט ער שוין פאַרגעסן, קיין טרעגער דאַרף מען דאָרט ניט — ווייל פון די פרומע קריסטן האָט ער געהערט אַז קיין תבואה וואַקסט נישט אין הייליקן לאַנד, בלויז שטיינער זיינען דאָרט פאַראַן... און וואַסער קויפט מען דאָרט, און מען צאָלט טייער... האָט ער איינגעזען, אַז מען דאַרף קויפן אַ קאָראָמיסלע אויף טראָגן וואַסער, און די אַרבעט האָט ער געקענט גוט נאָך פון דאָרף, פון קינדווייז.

אַז ישראל איז אָנגעקומען קיין יפו האָט ער זיך דערוואוסט אַז עס איז געגרינדעט געוואָרן אַ נייער ישוב, וואָס הייסט חדרה. האָט ער זיך פאַנאַנדערגעפרעגט צי וואוינען דאָרט אידן, וואָס ירושלים איז אַמאָל געווען זייער „הויפּט־שטאָט"? זיין פראַגע האָט אויסגעקוקט זייער משונה'דיק, און זיין ריידן אידיש איז אויך געווען הינקעדיק, און בכלל איז ער געווען אַ קנאַפּער בעל דרשן — האָבן די מענטשן קוים פאַרשטאַנען וואָס ער פרעגט. אָבער עס האָט זיך סוף כל סוף געפונען איינער וואָס האָט אים דערקלערט — אַז אַזוי איז דאָס. האָט ישראל גענומען די עמער, זיין געצייג, און איז אַהין אַוועק.

פון איצט אָן האָט ער מקיים געווען צוויי מצוות:

די ערשטע מצוה איז געקומען פון זיך אַליין, און ער האָט גאָרניט גע־



וואוסט וועגן דעם — ער איז טאָג־טעגלעך געגאַנגען איבער דער הייליקער ערד. און כאָטש ער האָט ניט געוואוסט אַז דאָס איז אַ מצוה האָט ער שטאַרק הנאה געהאַט דערפון.

די צווייטע מצוה איז געווען — די וואָס ער האָט מקיים געווען פון יוגנט אָן. פאַרטאָג מיטן שפּראָץ פון דער זון האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, אַראָפּגעשפרונגען פון זיין האַרטן געלעגער אין „חן", האָט פעסט אַרומגעוויקלט די רצועות אויף דער האַנט, אַז די הויט איז אַזש רויט געוואָרן. האָט אָנגעטאָן אויפן קאָפּ די תפילין און האָט הויך געדאַוונט שחרית פון זיין סידור. און זיין געזאַנג הערט מען איבער אַלע חדרים פון „חן", איבערן הויף, און אין די נאָענטע און ווייטע געצעלטן. און עס האָט געטראָפן אַז פון „חן" זיינען אַרויסגעקומען מענטשן און זיך צוגעהערט צו זיין געזאַנג. אמת, עס איז שווער געווען צו כאַפּן די ווערטער פון זיין צעבראָכענער עברי וואָס האָט אויסגעזען מער גויאיש ווי העברעאיש, אָבער אַז ער פלעגט קומען צו „ירושלים עירך" — האָט ער דאָס וואָרט ירושלים אויסגעשריען ממש ווי זייזיידע, נאָר אַמאָל פלעגט טרעפן, אַז ער איז נכשל געוואָרן און עס פלעגט זיך ביי אים אַרויסכאַפּן „יערוסאַלים"...

צוליב די צוויי מצוות איז ער זוכה געווען מען זאָל אים רופן „רב ישראל", און ניט סתם ישראל.

ער האָט געגאַרט צו טאָן נאָך איין מצוה: עולה רגל זיין קיין ירושלים. אָבער ער האָט עס אָפּגעלייגט אויף פסח. ווי קען מען איבערלאָזן די מענטשן אָן וואַסער? האָט ער די מצוה אָפּגעלייגט און ניט זוכה געווען זי מקיים צו זיין.

ביידע זיינע צוויי מצוות זיינען אים ניט בייגעשטאַנען אין דעם ביטערן טאָג ווען עס האָט אים פלוצלינג אַ נעם געטאָן די געלע מאַלאַריע, פונקט ווי זי זאָל שטיין און לויערן אויף אים... מען האָט אים געבראַכט אין אַ וואָגן אין זכרון יעקב. דאָס איז געווען דאָס ערשטע און דאָס לעצטע מאָל אין זיין לעבן ווען ער האָט זוכה געווען צו פאָרן אין אַ וואָגן... דאָס גאַנצע לעבן איז ער געגאַנגען צופוס. אויך פון זיין דאָרף קיין אָדעס איז ער דערגאַנגען צופוס. פון זכרון יעקב האָט ער זיך שוין ניט אומגעקערט. דאָרט איז ער געשטאָרבן און געקומען צו קבורה. דאָס איז איינער פון די קברים פון די חדרה־מענטשן אין זכרון יעקב וואָס זיינען געבליבן אָן אַ מצבה. ער האָט ניט געהאַט קיין קרוב און קיין גואל — ווער וועט אים שטעלן אַ מצבה?...

## „מאָטעליכע"

מאָטעליכע איז געווען „מאָטל פילאָזאָפס" ווייב. געוויס האָט זי געהאַט אַן אייגענעם נאָמען אויך, אָבער קיינער פון אירע באַקאַנטע האָט איר נאָמען ניט געוואוסט און מען האָט זי גערופן אויפן נאָמען פון איר מאַן — די מאָטעליכע.

ווען זי איז אַלט געווען פופצן יאָר האָט מען זי חתונה געמאַכט מיט אַ זיבעצן־יאָריקן בחור. די עלטערן פון ביידע צדדים זיינען געווען אָרעם, און דאָס יונגע פּאָרל איז נישט געווען ביי קיינעם אויף קעסט. ער, דער מאַן, האָט באַלד נאָך דער חתונה געדונגען אַ שטיקל ערד ביי אַ פויער ניט ווייט פון שטעטל און האָט פאַרזייט אַ גאָרטן, און זי, די מאָטעליכע, האָט

געעפנט אַ שפּייז־קראָם און האָט פאַרקויפט די גרינסן פון איר מאַנס גאָרטן, אייער וואָס זי האָט געקויפט ביי די פויערים, בוימל, הערינג, פעפער, זאַלץ און שוועבעלעך...

שבת פלעגט ער גיין אין חברה ש״ס לערנען, און זי פלעגט לייענען מיט אַן אומעטיקן ניגון און אויפן קול די „צאינה וראינה״. ניט נאָר איבער דעם וואָס זי האָט געלייענט האָט זי פאַרגאָסן טרערן, עס זיינען דאָ אַ סך זאַכן אין לעבן איבער וואָס עס ווילט זיך אויסוויינען. אָבער איינמאָל אַ יאָר האָט זי געוויינט מיט די ביטערסטע טרערן, דאָס איז געווען ביי דער פרשה וועגן דער מוטער רחל וואָס איז געשטאָרבן פון אַ שווערן האָבן און מען האָט זי מקבר געווען אינמיטן וועג.

פון דער צאינה וראינה האָט זי געוואוסט וועגן ארץ־ישראל און וועגן ירושלים. און אַז דער מאַן האָט איר געזאָגט, אַז ער וויל פאָרן קיין ארץ־ישראל, האָט זי באַלד מסכים געווען. און אַז זיי זיינען אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל איז דער מאַן אַוועק אַליין אין דער וויסטער פתח תקוה און זי מיט די קינדער האָבן זיך באַזעצט אין ירושלים, וואָס דאָרט האָט געוואוינט איר אַלטע שוויגער.

מאָטעליכע איז אינגאַנצן אַלט געווען פערציק יאָר ווען זי איז געקומען אין לאַנד, אָבער די זאָרג פון פרנסה, די שווערקייט פון האָדעווען קינדער און סתם צרות האָבן פאַרקנייטשט איר פנים און זי האָט אויסגעזען עלטער פון אירע יאָרן. איצט איז זי געווען ניט ווייט פון קבר רחל, און אַלע ראש חודש איז זי געגאַנגען צופוס פון ירושלים און זיך אויסגעוויינט אויפן קבר פון רחל אמנו... און נישט נאָר אויף דעם גורל פון רחל אמנו האָט זי געוויינט...

צוזאַמען מיטן מאַן איז זי געקומען קיין יהודיה, און דאָרט איז דאָס לעבן אירס געוואָרן נאָך שווערער ווי אַמאָל אין שטעטל. מאָטל האָט זיך אויך געמאַטערט, אָבער מאָטעליכע נאָך מער פון אים. ער איז געווען פאַרטאָן אין פעלד און אין גאָרטן, דאָס האָט אים באַשעפטיקט, און ער האָט פאַרגעסן די צרות. זי — דאָס גאַנצע לעבן איז ביי איר פאַרשלונגען געוואָרן אין באַקן ברויט, קאָכן, וואַשן, קערן און ראַמען און אין האָדעווען די קינדער.

האַלטן די שטוב ריין איז איר אָנגעקומען זייער שווער. ס׳איז געווען אַ פעלאַכן־שטוב מיט אַ ליימענעם סופיט און אַ דאַך. ווינטער רינט דורך דער רעגן און פאַרנעצט די גאַנצע שטוב, אַפילו די בגדים און דאָס בעט־געוואַנט זיינען געווען פאַרפלעקט און דורכגענומען מיטן ריח פון ווילגאָטש... נאָך יעדן רעגן דאַרף מען טריקענען און לופטערן וואָס עס געפינט זיך נאָר אין הויז... געבענטש זאָל זיין די זון וואָס טריקנט... איינמאָל איז אַ רעגן געגאַנגען צען טעג און צען נעכט נאָכאַנאַנד, כמעט אָן אויפהער... עס איז געווען נישט אַריבערצוטראָגן פון נעץ און ווילגאָטש... אין איינער אַ נאַכט איז דער רעגן געווען אַזוי שטאַרק, אַז מאָטל און מאָטעליכע האָבן געמוזט שטיין אויף די פיס אַ גאַנצע נאַכט אונטערן אושאַק פון דער טיר, דאָס איינציקע אָרט אין שטוב וואו דער רעגן האָט נישט דורכגערונען. די קינדער האָט מען צוגעדעקט מיט וואָס מען האָט נאָר געקענט. נאָך אָט־דעם רעגן זיינען די קינדער קראַנק געוואָרן.

נישט ווייניקער ווי ביים ראַמען איז מען אויסגעשטאַנען ביים באַקן ברויט. באַקן פלעגן עטלעכע פרויען אין איין אויוון — און אין דער ריי. הייצן



פלעגט מען מיט נאַסע צווייגלעך פון דערנער וואָס וואַקסן אין דער מדבר און מיט טרוקענע מיסט פון קי. דער רויך פון אויוון האָט זיך געטראָגן ביזן הימל, פלעגט ביטער מאַכן די אויגן, פלעגט דורכדרינגען דורך די קליידער צום לייב, און מען פלעגט ווערן פאַררויכערט דורך און דורך. קאָכן פלעגט מען אויף האָלץ פון שטעכיקע צברים (אַ צברה־בוים) און צוויי האַרבע שאלות האָבן זיך געשטעלט פאַר די פרויען ביים קאָכן: ערשטנס, אויף וואָס קאָכט מען? און צווייטנס, וואָס קאָכט מען: צי לינדזן מיט בעבלעך, אָדער בעבלעך מיט לינדזן?...

נאָר שווערער פון אַלץ איז געווען וועש וואַשן. קאָכן און באַקן געדויערט נישט לאַנג, אָבער וואַשן וועש פאַרנעמט אַ גאַנצן טאָג, פון גאַנץ פרי ביז עס ווערט טונקל. און אין ווינטער־צייט, אין די רעגנס, דויערט דאָס וואַשן עטלעכע טעג מיט איבעררייסן. די ווייבער בעטן גאָט, אַז דער רעגן זאָל אויפהערן, און די מענער בעטן פאַרקערט, אַז די רעגנס זאָלן גיין און עס זאָל וואַקסן. אָבער מאָטעליכע האָט געוואוסט „ווי זיך אויפצופירן״...

געגעסן האָט מען שוואַרץ ברויט, לינדזן־סופ, געטריקנטע איילבירטן און ציבעלע... אָבער געפירט האָט מען זיך באַלעבאַטיש: זויבער־ריין, אַ ריינער טישטוך אויפן טיש, שיינע זילבערוואַרג, אַז קיינעם וועט גאָרניט איינפאַלן אַז דער דלות פייפט אין שטוב. מאָטעליכע האָט זיך געהאַלטן ביים כלל: קנייפ די באַקן אַז דער פאַרב זאָל שטיין.

היינט דאָס פאַרנעמען זיך מיט די קינדער, און דאָס האָדעווען זיי! מאָטעליכעס קינדער האָבן שטענדיק געהאַט קראַנקע אויגן; זי האָט אויסגעמישט וואַסער מיט בראָנפן און געלייגט קאָמפּרעסן, דאָס איז געווען איר רפואה פאַר די אויגן. קיין דאָקטאָר איז אין דער גאַנצער געגנט נישטאָ, און קיין רפואות אויך ניט, און יפו איז ווייט... צו וואונדן האָט זי אויך גענוצט די זעלבע רפואה, און אַפילו צו מאַלאַריע האָט זי געהאַט אַן אייגענעם רעצעפט, וואָס זי האָט איבערגענומען פון די פעלאַכן: אַ געטראַנק פון ביטערע פעלד־גראָזן אויסגעמישט מיט שוואַרצן פעפער.

מאָטעליכעס לעבן איז גרוי און שווער, נאָר איין סעזאָן אין יאָר פאַרשאַפט איר פרייד. מאָטל זייט אוגערקעס, און זיי געראָטן אים, זיינע אוגערקעס זיינען באַרימט אין דער גאַנצער געגנט. און אַז עס קומט אָן די צייט פון אוגערקעס לאָדט ער זיי אָן אויף אַן אייזל און פירט זיי פאַרקויפן אויף די מערק פון לוד און רמלה. מאָטעליכע באַגלייט אים... און עסן די אוגערקעס איז טעם גן־עדן... זי שטעלט די אוגערקעס אין בלעכן אויף ווינטער...

אַז די פעלד־אַרבעט האָט גאָרניט אַריינגעטראָגן און עס וואַקסט נישט אויף די פעלדער צוליב די בלאָטעס, און קיין קונים אויף די גרינסן זיינען אויך נישטאָ, אויסער גנבים וואָס קומען זיי גנבענען, איז מאָטל אַוועק קיין יפו און איז געוואָרן אַ בעל־עגלה, און מאָטעליכע, פאַרשטייט זיך, איז אַוועק מיט אים. זי האָט זיך דערמאָנט פון איר אַלטער פרנסה אין שטעטל, און האָט געעפנט אַ קרעמל לעבן „חן״, האָט פאַרקויפט סיגאַרעטן, שוועבעלעך, הערינג, זאַלץ און פעפער. אַ „דירה״ האָבן זיי געדונגען לעבן „חן״, לעבן „קראָם״ — איין צימער און אַ קליין קיכל אין אַן אַלט, שמוציק אַראַביש הויז. מאָטעליכע האָט גוט אויסגערייניקט דעם צימער און זי האָט אים „אויסמעבלירט״, אַז עס זאָל זיין אַ שטוב ווי עס דאַרף צו זיין... און ניט נאָר פאַר זיך און פאַר דער משפחה האָט זי געזאָרגט, נאָר זי האָט גענומען אויף

זיך נאָך פּעקלעך. פון פתח תקוה און פון גדרה ברענגט מען די קראַנקע און פאַרוואונדעטע קיין יפו, אין „חן". דאָרט וואַלגערן זיי זיך ביז עס קומט דער דאָקטאָר זיי באַטראַכטן און נעמען אייניקע פון זיי אין שפּיטאָל. די מאָטעליכע פילט זייער געמיט און זייער צער, ווייל ווען איר מאָטל איז אַמאָל אין אַ נאַכט שווער פאַרוואונדעט געוואָרן, ווען ער האָט געהיט דעם גאָרטן, און אַ גנב האָט אים געטראָפן מיט אַ קויל אין פוס — האָט ער זיך אַ היפּשע צייט געוואַלגערט אין „חן"... פלעגט מאָטעליכע אַריינגעמען די קראַנקע צו זיך אין שטוב ביז מען וועט זיי באַזאָרגן... איר איינציקער צימער איז געוואָרן אַ שפּיטאָל. די חלאים פון ראשון לציון און פון זכרון יעקב נעמט זי נישט אַריין צו זיך אין שטוב — זיי זיינען גענוג פאַרמעגליך אויף דינגען אַ צימער אין אַן אַכסניה, נאָר די פון פתח תקוה און גדרה, — זיי נעמט זי אַריין. אָבער דאָס איז גענוג געווען אַז איר צימער זאָל אָפטמאָל זיין אָנגעפּאַקט, אָבער אַז מען ברענגט פאָרט אַ נייעם חולה אין „חן" — רייבט זיך מאָטל דעם שטערן און איז צעמישט, אָבער די מאָטעליכע זאָגט, „מען וועט זיך אַביסל אויפקוועטשן", און מען נעמט אים אַריין.

אין דער צייט ווען אין חדרה און צווישן די אידישע אַרבעטער אין די ישובים פון יהודה האָט געבושעוועט די מאַלאַריע, איז דער „חן" פול געווען מיט קראַנקע. נישט דער שפּיטאָל, און נישט דאָס צימערל פון דער מאָטעליכע האָבן געקענט אַלעמען אויפנעמען, איז זי געקומען אין „חן", איז געגאַנגען פון איין חולה צום אַנדערן, איינעם צוגעלייגט אַ קאַלטן קאָמפּרעס צום שטערן, וואָס האָט געברענט ווי פייער, אַ צווייטן צוגעטראָגן אַ גלאָז קאַלט וואַסער, אָדער אַ גלאָז טיי...

אויף די עלטערע יאָרן איז מאָטעליכן דאָס לעבן גרינגער געוואָרן. ביידע האָבן פאַרדינט, דער מאַן מיט זיין פערד־און־וואָגן און זי פון איר קראָם. זיי האָבן געהאַט פּרנסה ברעווח. זיי האָבן אַפילו אָפּגעשפּאָרט אַביסל געלט, און די לעצטע יאָרן געוואוינט אין אַן אייגענער שטוב אין פתח תקוה. אין זייער צוואָה האָבן זיי נים פאַרגעסן אָן די קראַנקע און צעוויטיקטע און אָפּגעשריבן פאַר זיי אַ טייל פון זייער געלט, וואָס זיי האָבן פאַרדינט מיט בלוטיקער מי און שווייס...

(פון בוך: „משפחת האדמה").

*

# אהובי וידידי בריוולעך

עס שרייבט מ. אַלעקסאַנדער פון סידנעי, אויסטראַליע:

נעכטן דערהאַלטן נומער 5 „סביבה". ער האָט אויף 22 מחברים לידער פון 10 פּאָעטן, און פיר (אַרטיקלען) וועגן פּאָעזיע. איך וואָרן אייך: אויב דאָס וועט אָנהאַלטן וועט מען דעם זשורנאַל אויפהערן צו קויפן. איך אַליין האָב זייער ליב לידער, אָבער עולם וויל זיי נישט, דאַרף זיי נישט. ניין, לידער ניע זשעלאַיעם! קליפּ און קלאָר, מען קען „שמעלצן" מיט אַביסל לידער. אָבער אָנפּאַקעווען דערמיט דעם זשורנאַל הייסט פּאַמעלעך פירן אים צו קבורה...

*

ראשית קומט אייך אַ דאַנק פאַר אייער אויפריכטיקער זאָרג וועגן קיום פון זשורנאַל, וואָס דריקט זיך אויס אין אייער בריוו, און גאָר באַזונדערס



פאַר דעם וואָס איר שרייבט אַז איר פּערזענלעך האָט ליב לידער. ירבו כמותך בישראל.

אויב אייניקע זאָגן „לידער ניע זשעלאַיעם" („מיר ווילן נישט קיין לידער"), קען עס ניט זיין קיין מאָס פאַר דעם ווערט פון לידער אין אַ זשורנאַל פאַר ליטעראַטור. אַפילו און אַפילו מיט דער תורה איז מען אַרומגעגאַנגען צו אַלע פעלקער און קיינער האָט זי ניט געוואָלט אָננעמען. זיי האָבן אויך געזאָגט דאָס נעמלעכע: „תורה ניע זשעלאַיעם". איצט שטעלט אייך פאָר ווען די אידן וואָלטן זיך אומגעקערט מיט דער פּלייצע צום באַרג סיני און וואָלטן אַוועקגעגאַנגען מיט ליידיקע הענט אין דער מדבר. וואָס פאַראַ אידן וואָלטן זיי געווען און וואָס פאַראַ פּנים וואָלטן מיר געהאַט? דערפון לערנען מיר, אַז „ניע זשעלאַיעם" איז נישט דער ריכטיקער זאָג וואָס מען דאַרף זיך צו אים צוהערן, און קיין געבאָט איז עס אַוודאי ניט. און אָן לידער, שטעלט אייך פאָר, וואָס פאַראַ ליטעראַטור וואָלטן מיר געהאַט און וואָס פאַראַ פּנים וואָלטן מיר געהאַט? און די וואָס זאָגן „לידער ניע זשעלאַיעם", דאַרף מען זיי וואָרענען אַז אין אַ צוויי טויזנט יאָר אַרום וועלן זיי שטאַרק חרטה האָבן אויף זייערע רייד, ווייל די דינע צווייגעלעך פון לידער האָבן אַ טבע צו וואַקסן אַ פאָר טויזנט יאָר.

לידער זיינען אַ הויכע מדרגה, אַנדערע זאָגן, די העכסטע דערגרייכונג פון ליטעראַטור. דאַרפן מיר אַראָפּשניידן די קרוין פון אַ בוים דערפאַר וואָס מען קען צום עפּל אויפן שפּיץ ניט דערגרייכן? ניין, אויף דעם איז פאַראַן אַן אַנדער עצה: אַ לייטער. ביי די אומות העולם זיינען דאָ אַזעלכע לייטערס. זיי האָבן אוניווערזיטעטן. מיר האָבן עס ניט, אָבער מיר האָבן דערפאַר אַלטע געוואוינהייטן. מיר האָבן זיך דורות לאַנג דערצויגן אויפן תהילים און אַנדערע געזאַנגען, דעריבער און דערומעך זיינען לידער און פּראָבלעמען פון פּאָעזיע אַ וויכטיקער ענין.

איר וואָרנט, מיט די בעסטע כוונות פאַרשטייט זיך, אויף אויסהיטן זיך פון אונטערגאַנג צוליב דעם איבערוואָג פון לידער, איז דאָס אַוודאי ניט קיין פריילעכער צושפּיל, אָבער אַ סך אומעטיקער וואָלט געווען ווען מיר וואָלטן, חלילה, אויפגעהערט „צו זינגען און צו זאָגן". עס זיינען דאָ אַ סך מענטשן וואָס האָבן ניט קיין אינטערעס פאַר מוזיק, אָבער צוליב דעם פאַרמאַכט מען ניט די קאָנסערוואַטאָריעס. עס זיינען דאָ מענטשן וואָס פאַרנעמען זיך ניט מיט פילאָזאָפיע, אָבער צוליב דעם האָט דער שטאָרך ניט אויפגעהערט אויף זיינע פליגל צו ברענגען פילאָזאָפן אויף דער וועלט, און עס זיינען דאָ מענטשן וואָס זיינען נישט פאַרקאָכט אין לידער, אָבער צוליב דעם דאַרף מען ניט מאַכן קיין תשעה־באָב אין אַ געוויינלעכן טאָג.

* * *

עס שרייבט ראָזאַ נעווועלשטיין פון פילאַדעלפיע:

אין אייער אַרטיקל אין דער „סביבה" די נאַציאָנאַלע שטריכן אין דער אידישער פּאָעזיע" שרייבט איר, אַז קפיצת הדרך איז אַ נאַציאָנאַלער שטריך. — — — נאָכן איבערלייענען דעם אַרטיקל און נאָכאַמאָל דורכדענקען האָב איך איינגעזען אַז אין ענגליש האָבן מיר דאָך דעם זעלביקן קפיצת הדרך.

ווען איר זעט דעם אויסדרוק — They rolled out the red carpet, ווייסן מיר, אַז דער גאַסט איז אויפגענומען געוואָרן מיט רעספּעקט, פריינטלעכקייט און מיט די בעסטע כוונות. ווען מיר לייענען — A Troyan Horse,

וויסן מיר געגוי אַז דער שונא האָט אויסגענוצט די אומוויסנקייט פון לאַנד און אַריינגעבראַכט אַ פינפטן קאָלום. ווען מען דערמאָנט — Sir Walter Roleigh, וויסן מיר, אַז ריטערלעכקייט האָט דאָ געשפּילט אַ גרויסע ראָלע.

נאַטירלעך קען מען ברענגען הונדערטער אַזעלכע ביישפּילן, אָבער מיר גייט ניט אין באַווייזן די חריפות פון דער ענגלישער שפּראַך, נאָר אַז קפיצת הדרך איז נישט קיין נאַציאָנאַלער שטריך אין קיין שפּראַך. — — —

*

עס איז זיכער אייער מעלה וואָס איר לייענט און טראַכט איבער, אָבער די ביישפּילן וואָס איר ברענגט געהערן צו דעם מין פון שפּראַכלעכע אידיאָמען, פאָלקס־ווערטלעך. אַזעלכע אידיאָמען האָבן אַלע לשונות און אויך די אידישע שפּראַך. צום ביישפּיל, אויף באַגעגענען עמעצן זייער פריינטלעך זאָגן מיר אין אידיש „אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס”, אָדער „געעפנט פאַר אים טיר און טויער” א. אַ. וו. דער אויסדרוק אין ענגליש „אויסגעלייגט אַ רויטן טעפּיך” אַנטהאַלט אין תוך דאָס זעלביקע ווי „געעפנט טיר און טויער”. דאָס איז שפּראַכלעכע עשירות וואָס אַלע לשונות האָבן זייערע קעמערלעך פאַר דעם. זיי זיינען איינשטאָקיקע אויסדרוקן וואָס גייען ניט העכער פון דעם וואָס זיי זאָגן.

אַנדערש איז מיט קפיצת הדרך. עס איז נישט קיין אידיאָם, קיין ווערטל, עס איז לויטער גייסטיקייט, אַ אידישער נאַציאָנאַלער באַגריף. קפיצת הדרך מיינט אין ווערטערלעכן טייטש — איבערשפּרינגען איבער רוים, נעגירן שטח, אים אַוועקמאַכן ווי ער וואָלט גאָרניט זיין. עס איז מבטל מאַכן אי רוים, אי צייט, ווייל קפיצת הדרך געשעט אין אַן אויגנבליק. פאַר קפיצת הדרך דאַרף מען נישט קיין שום קאָנקרעט, נישט קיין כישוף־רינגל, נישט קיין פליענדיקן טעפּיך, נישט קיין טאָג און נישט קיין נאַכט, קיין שום דויער נישט. אליהו הנביא קומט וואו מען דאַרף אים כהרף עין, מיט קפיצת הדרך. עס איז נישטאָ קיין מחיצה צווישן דורות, און עס איז נישטאָ קיין מחיצה פון גרענעצן.

בלויז אַ פאָלק, וואָס שטייט אייביק אונטער סכנות און בלויז דער נס האָט געקענט אויף דער רגע מציל זיין, איז מסוגל געווען צו שאַפן אַזאַ באַגריף ווי קפיצת הדרך. בלויז ביי אַ פאָלק וואָס זיין גאָט האָט ניט קיין געשטאַלט און קיין גוף האָט מען געקענט אויסחלומען אַזאַ באַוועגונג וואָס איז אויסער שטח און אויסער צייט — לויטער רוחניות. איז דאָס דעריבער אַ אידישער נאַציאָנאַלער באַגריף, וואָס שטאַמט פון באַזונדערן אידישן גורל.

די אידישע פּאָעזיע באַזיצט אָט אַזעלכע נאַציאָנאַלע באַגריפן, וואָס זיינען אַ פועל יוצא פון אידישן גורל אין אַ סך דורות.

---

„סביבה” — זשורנאַל פאַר ליטעראַטור און קריטיק
רעד.: קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

**SEVIVA — LITERARY QUARTERLY**

Yearly Subscription: $3.00 — 75 cents a copy

*Editor*: K. Molodowsky, 572 Grand Street, New York 2, N. Y.

[PRINTED IN U.S.A.] 253

# סביבה

פערטל־יאָר שריפט פאַר ליטעראַטור און קריטיק

א שורה פון אַ יחוס בריוו..........ק. מ. 2
אַ, גאָט (ליד)..........רחל ה. קאָרן 4
דע מה שתשיב..........מלך ראַוויטש 5
דער פעטער אהרן בער (פּאָעמע)..........אפרים אויערבאַך 9
פון עניוות וועגן..........אברהם קריב 12
צוויי לידער וועגן אַלטן..........יעקב גלאַטשטיין 17
צוויי מרגלים (דערציילונג)..........שמואל איזבאַן 20
רבי אברהם מלאכם חתונה (פּאָעמע)..........יעקב פרידמאַן 26
וועגן יהודה לייב גאָרדאָנס דערציילונגען..........שמחה לעוו 30
שאָטנס פון גערעדנקען (ליד)..........מלכה חפץ טוזמאַן 37
שאַפער און קריטיק..........א. לעיעלעס 38
די לעצטע נאַכט (פון דער פּאָעמע „פּוילן 1947”)..........יוסף רובינשטיין 43
אַ ליד..........רחל פישמאַן 44
וועגן ליד..........בעריש וויינשטיין 45
פּרייטיק אויף דער נאַכט (פון דער פּאָעמע „דער שטיינהעקער פון ראשון”)..........קאַדיע מאָלאָדאָווסקי 47
אַרום „די פרייד פון אידישן וואָרט”..........גבריאל פּרייל 53
מדרש צו מגילות אסתר און רות..........משה שטאַרקמאַן 55
„זון איבער אַלץ” פון רחל פישמאַן..........ק. מאָלאָדאָווסקי 58
אַ שכן (דערציילונג)..........יהודה יערי 60

נומער 7
אלול, תשכ"ב — סעפּטעמבער, 1962
ניו־יאָרק, נ. י.